די אַקטריסע ראָזע טורקאָוו, די פרוי פון זיגמונד טורקאָוו, פון ישראל איז געווען דאָ איניקע וואָכן דער גאַסט פון יצחק און דאָרא קרעלמאַן.

• • •

פעלא פעלד, די יידיש־העברעאישע אַק־טוישע פון ישראל איז דאָ אויף אַ באַזוך.

• • •

אַן הזכרה, צו דער דריטער יאָרצייט, נאָך דר. זעליק בראָדעצקי איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אין דער ציוניסטישער פעדעריזציע.

משה דאָמב האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע נאָוועלע פונם פאַרטיזאַנער לעבן.

• • •

הערי אריעל איז באַאויפטראַגט געוואָרן פון די בעלי בתים פונם גרענד־פאַלעי טעאַ־טער, מר און מרת גרינבערג, צו מאָלן נייע טעאַטער־דעקאָראַציעס.

• • •

לעאָן בלומען איז דאָס יאָר אויסגעוויילט געוואָרן פון דער חברים־טרופע פון גרענד־פאַלעי, ווי דער אָנפירער פונם טעאַטער.


## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן

„וויטשעפל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-
„„שיידעוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-
„ווידערוווקס“, אַ בוך לידער פון אַ. נ. שטענצל 12/6
„טעאַטער־קאַראַוואַנען“, פון ש. י. האַרענדאָרף 15/6
„פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט“, שמואל וווהייט 7/6
יובל־אַלמאַנאַך 15/-

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

לייענט, פארשפרייט און אנאנסירט אין
„די אידישע שטימע“
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.


מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.


LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*
IMPORT - - EXPORT
518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10




# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטי־

נומער 8 (העפט 311) אַכצנטער יאָרגאַנג . אויגוסט 1957 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


נאָכן ארון פון שלום אַש °° 1
אויף שלום אַשס קבר (ליד) שמואל וווהייט 6
שלום אש (פּאָטאָ) 7
צו די שלושים נאָך שלום אַש י. ביעטש 7
די ירושה (דערציילונג) שלום אַש 11
שלום אַש ז״ל מ. סאַנדערס 18
שלום אַש משה עובד 20
יידיש טעאַטער אין אַלטן עסטרייך א. מייזעלס 23
שוואַלבן־סימפאָניע אין בלאָ, ליד א. נ. שטענצל 26
לאָנדאָנער קולטור־ידיעות 32
ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס 32



פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

ייִדישער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַריין אין ענגלאַנד;

ייִדישע אַגענץ; ייִדישער וועלט־קאָנגרעס; באָרד אָף דעפּיוטיס; ייוואָ אינסטיטוט און פריינט פון ייִדיש לשון.

## טרויער־אַקאַדעמיע

### צום אָנדענק פון שלום אַש ז״ל

זונטיק, דעם 18טן אויגוסט, 1957, 3 אַזייגער בייטאָג
אין אַדלער האַל, אַדלער סטריט, E.1

רעדנער:

ד״ר ש. לעווענבערג — ישראל כהן — יוסף פרענקעל
א. נ. שטענצל — מ. זילבערבערג

פאָרזיצער: א. מ. קייזער

הזכרה: חזן ש. ב. טאובע

קומט אין צייט!

---

מיר טרויערן מיטן ייִדישן פאָלק צו דער גרויסער אבידה פון דער ייִדישער ליטעראַטור, מיט דער פּטירה פונם באַרימטן שרייבער שלום אַש. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו דער אלמנה און די קינדער פון גרויסן נפטר.

די רעדאַקציע „לשון און לעבן“ און „פריינט פון ייִדיש לשון“

---

מיר דריקן אויס אינער טיפן מיטלייד צו מאַדאַם אַש און די קינדער פונם פאַרשטאָרבענעם באַרימטן שרייבער און דראַמאַטורג, **שלום אַש** ז״ל.

**די חברים גרופּע, די בעלי־בתים**
**מענעדשערמענט** פונם לאָנדאָנער ייִדישן טעאַטער, גרענד פּאַלעי.

---

R. MAZIN & Co., Booksellers and Publishers,
109, Whitechapel Rd., London E.1.

מיר שליסן זיך אָן אין גרויסן טרויער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון ייִדישן פאָלק צוליב דער אבידה פון שלום אַש ז״ל.

---

GAINSBOROUGH, 18, Vivian Ave., London N.W.4.

מר און מרס וואַטערמאַן.

מיר באַטייליקן זיך אין דעם טרויער, צוליב דעם טויט פון **שלום אַש.**

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 8 (העפט 311) — אַכצנטער יאָרגאַנג — אויגוסט 1957 לאָנדאָן

## נאָכן אָרון פון שלום אַש

1

עס איז געווען אַ טרויעריקע לוויה. דער פּרעדיקער אין זיין גלאַטיקן ענגליש האָט אַריינגעוואָרפן אין איינזאַמען „אדוני נתן ואדוני לקח“ ווי אין אויסגעריבענע מטבע אין אַ ליידיקער צדקה־תציל־ממות־פּושקע.

עס איז נישט געווען קיין אבל יחיד לרבים! פון אַ קהלה פון כמעט דריי הונדערט טויזנט ייִדן, קיין עין הרע, פון אַ כרך פון אַכט מיליאָן פּאָטענציעלע ליטעראַטור־לייענער זענען געקומען מלווה זיין דעם וועלט־באַרימטן ייִדישן שריפטשטעלער־לגוים אַ פּאָר שיטערע מנינים — אַפּנים אין מלך בלא עם!

די עטלעכע אָנגעצייל טע, צו־איילנדיקע ייִדישע שרייבער צום פאַרלאָזענעם אָרון, האָבן געמאַכט אַ קלאָגנדיקן איינדרוק, ווי אַ שנעל־אַנלויפנדיקע חברה נושאים, אים, דעם אָרון, צו געבן אַ נעם; בלויז, אין די שוואַרץ־אונדפאַרמירטע פּרעק און זיידענע צילינדערס, האָבן מיר געווירקט, אין דער צערעמאָניע, ווי אַ דיסאָנאַנס.

די משפּחה האָט געטראָגן דעם צער שטיל־אינטים און אַריסטאָקראַטיש־פאַרשלייערט. דאָס אָנקומען פונם ישראל־אַמבאַסאַדאָר, אין באַגלייטונג פון זיין פרוי, האָט ווי פולער געמאַכט די טונקעלע קאַפּליצע און די רויטע טולפּן, מיט וועלכע דער אָרון איז פלוצלינג באַלייגט געוואָרן; האָט זי באַלויכטן ווי מיט אָנגעצונדענע ליכט.

דעם זונס נאָכזאָגן דעם פּרעדיקער דעם רעפאָרם־קדיש האָט אויסגעזעען זער יתומדיק. מאָדנע, וואָס דווקא די רעפאָרם־יהודים, אשכנזים, זאָגן דעם אַראַמעאישן קדיש אין „איווריט“ און הברה ספרדיש — פויפּסטלעכער ווי דער פויפּסט!...

דער פּלוצלינדיקער, היימישער אויסגעשריי פון דער אלמנה, פון מאַדאַם אַש, ביים אָפענעם קבר איז ממש געווען אַ טרייסט פאַרן ייִדישלעכן האַרץ. קיין „אל מלא רחמים“, אַ האַרץ־פאַרציענדיקער מיט זיין אין דער טיף געצויגענעם ניגון, קיין מאַמעדיק מענה־לשון; טרויעריק־פאַרשוויגן זענען געפאַלן די שווערע לאַפּעטעס ערד אויפן אָרון — אויפן האַלצענעם פּוס פונם „תהלים־ייִד“־בעטלער האָט טויב געעכאָט די אוועק־איילנדיקע אומשטערבלעכקייט...

טרויעריק, פאַרשעמט, אַנטוישט האָבן מיר זיך אָפּגעטיילט פונם קליינעם עולם. די פיקציע שטאָט האָט קוים נאָך עקזיסטירט, זיין מאַיעסטעט דער טויט איז געווען רעאַל — פּנים אל פּנים! די טומלדיקע מאַטראָפּאָליע איז אַזוי

פארגליווערט־שטיל. מיר הערן אפילו נישט אונזערע אייגענע שריט — געהיי־מער סוד גאנצער ארום און מיסטיש פארהוילן.

פלוצלינג האָט איינער פון אונז דריי גענומען אונטערברומען אַ ווייט־ציענדיקן מאטיוו, דער צווייטער איז אריינגעפאלן, אומזיכער, מיט די פוילישע ווערטער:

„אומאר מאטשעק, אומאר,
„לעזשאל יוזש נא דעסצע,
„יאק מי זאַגראַטש;
„פאסקאקאלבי יעשטשע.

„אוי, צא זא דזשיוונא דושא,
„זשע פא שמיערטשי שע רושא״.

איך האָב קיין סך נישט פארשטאנען פון די ווערטער, אָבער זיי באלד־נאנט און אייגן דערפילט און מיטגעזונגען —

ווארעמע ערד פריש־צעגראבענע, ארום און ארום היימישע הימלען אזוי אומענדלעך. בילדער פון אשס שטעטל האָבן זיך געמישט אין קאָפּ און זיך צונויפגעמישט מיטן אש פון טרעבלינקע, וואָס מען האָט אריינגעשיט צום נפטר אין ארון אריין —

כאָטש דא אין מיטן דער צערוישטער גאס נידריק אויף דער ערד מיך אנידערצוזעצן און לייענען עס, „דאָס שטעטל״, ווי דאָס ספר איוב, כביכול, קאפיטל נאָך קאפיטל.

2

. . . טויט־מיד, אַ ברעכעניש אין אלע אברים, ווי נאָך אַ לוויה וואָס וואלט זיך געווען געצויגן דורך צענדליקער ברייטע גאסן און שמאלע געסלעך; אַ צעקוועטשטער פון אַ הונדערט טויזנט־קעפּיקער מאסע, אזוי בין איך אהיים־געקומען, און אין קאפּ האָט זיך מיר נאָך אלץ געבאמבלט:

„אומאר מאטשעק, אומאר — — ״

אבער דאָס וואָרט „אומאר״ האָט עפּעס גענומען קלינגען ווי פון דער גמרא ארויס: אָ מ ר! און „מאטשעק״ האָט זיך ווי געררייצט מיט מיר, ווי זיך געיאָגט מיט מיר ארום אַ מעלעמער: תנא־בארטעק, אמר האָט געזאגט, מאטשעק, אַ תנא וואָס האָט געהייסן מיטן נאָמען מא —

און פאר מיינע־אויגן: ס׳שטעטל, ס׳שטיבל: אַ געזעמל אלטע חסידים, אָן אפענע גמרא פארוואָרפן מיט אַ רויטער פאטשיילע, דרויסן אַ ווינטערדיקער שבת־טאָג און אין דער כבודיקער ווארעמקייט הער איך מיך צו מיט מויל און אויערן: „נאָך דער קבורה, ווען די טויזנטער חסידים, אויך די אנטלאָפענע פון אים בחיו נאָך דער מרידה, זענען זיך צעגאנגען פון דער לוויה אויף פול־געפּאקטע שליטנס און וועגענער, און צופוס, אהיימצוקומען אין די שטעטלעך, האָט מען געזונגען עפּעס אַ ליד, „אומאר מאטשעק״. די גוים אין די דערפער



זענען אומעטום אקעגנגעקומען מיט גאנשלעס אקעוויט און מיטגעזונגען און מיטגעטאנצט״.

„און דער מאטשעק איז טאקע ער?״ — האָט עס הלצהדיק־מתנגדיש געכיכיקעט פון אַ ווינקל ארויס.

דאָס וואָרט „אומאר״, בשעתן דערציילן, איז ארויסגעזאגט געוואָרן ווי פון דער גמרא ארויס, פון אונטער דער פארדעקטער רויטער פאטשיילע: אמר! און דאָס וואָרט „מאטשעק״ איז מטעים געוואָרן אזוי סודותדיק־רמזדיק, ווי עס וואלט געווען עפּעס אַ קבלה־וואָרט, אַ צירוף פון אַ שם, אַ נאָמען פון אַ מלאך — מטטרון אדער סמאל, רחמנא לצלן.

פונקט ווי זיי, יענע חסידים אין שטיבל, קאצקער אָדער געגנער, האָב איך אויך נישט געוואוסט דעם פרימיטיוו־וואונדערלעכן, פאלקסטימלעך־אומ־שטערבלעכן אינהאלט פונם ליד, בשעת כ׳האָב עס אנגעהויבן מיטצוזינגען מיט די אנדערע צוויי באגלייטער, אהיימגייענדיק פון שלום אשס לוויה; און זיי, וואָס האָבן אנגעהויבן עס צו זינגען, דאָס פאלקסליד, האָבן קיין שום געדאנק נישט געהאָט פון דעם, דעראינערנדיק זיך און דערמאנטן.

און עס איז קיין שום ספק נישט, אז דער נאָמען שלום אש, ווי דער מחבר פונם „שטעטל״, ביי אלע התנגדותרן צו אים אין די לעצטע יאָרן, וועט דערמאנט ווערן צווישן אונזערע גרויסע — יהי זכרו נצח.

3

נישט פריער ווי אין דער אפיציעלער נייעס־שעה איז דאָס יידישע לאָנדאָן געוואויער געוואָרן דורכן ראדיא, אז דער גרויסער יידישער שרייבער, שלום אש, איז געשטארבן. און ווען מען האָט אנגעקלונגען אינם הויז פונם נפטר איז שלום אש שוין געלאגן אינם מתים־שטיבל פון דער רעפארם סינאגאגע.

צי דאָס איז געווען די צוואה פונם נפטר, ווי דאָס איינהילן זיין גוף אין אַ גרויסן וואלענעם טלית, אדער דער גוט־בארעכנטער באשלוס פון דער פאמיליע אויף דעם אופן דעם לעצטן חסד של אמת צו באווייזן דעם ראש פון דער משפחה: אָן וועגענטועלע שטערונגען צי ערלעדיקן קובר זיין דעם מת; ווער ווייסט וואָס אפיציעלן יידישן קלער קאָן איינפאלן, ווען מען וועט זיי ברענגען אַ יידישן שרייבער מיט רעליגיעזע אפנייגונגען, אז זיי זאָלן אים „זיין רעכט טון״ . . . שפילט אייך מיט „מתעסקים״? די הייליקע ווי די וועלט־לעכע פונם היגן יידישן „פאלעק״ — אַ קבורת־חמור פאר אַ יידישן שרייבער איז איינס פון די קלענסטע זאכן!

אומדירעקט צי דירעקט, בכל אופן האָט זיך געפילט אָן אוממיטלבארער אקט פון נקמה צום אפיציעלן יידישקייט פאר זייער קאמף קעגן נפטר די לעצטע יאָרן.

דאָס דערהערן, אז אש איז טויט; אז ער איז געשטארבן אין לאָנדאָן, האָט אנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה. אין מיטן וועג האָט זיך צעבראָכן אָן אקס פון וואָגן, און נישט צורירן מיט אַ ראד מער. די משא איז צו שווער — אַ מת־מצווה אין מיטן וועג!

און אפשר איז עס גאר אַ חלול? געפונען געווארן אין מיטן די קרייץ־וועגן, צווישן ברייטע שליאכן; און עמעץ „ווער איז דער שולדיקער?" אַ טויטן איז מען אלצדינג מוחל — מתתו זו כפרתו! אבער צי קאן ער נאָך מוחל זיין „מלך שמחל על כבודו"?...

אן די פאטעטישע־מאַיעסטעטישע הוה־אמינא איז מסתם אוממעגלעך אַזאַ שעפערישער ראזמאך ווי שלום אש...

זיין לעצטער לעבעדיקער אויסגעשריי דעמלט דא, אַ פארוואונדיקטער, צעשריגענער לייב: „אויבן אין הימל, ווען איך וועל שטיין פאר גאָט און אפגעבן חשבון פון מיין שרייבערישער שליחות" — עס איז נישט נאר געווען פאטעטיש און אויסטערליש־ווילד, דאָס געשריי: שטיקער פלייש האָט עס ארויסגעריסן; אזוי האָט עס ווי געטון צו זעען אַ גרויסן שרייבער, אן ארי שבחבורה, צו וועלכן מיר וואלטן געברויכט ארויפצוקוקן און זוכן ביי אים מנוחה, זאָל ער גאָר האָבן דערגרייכט צו אַזאַ מצב הנפש... און ווי האָט עס אים ערשט געמוזט טיף וויי טון!

אַ נישט איינמאָל אין זיין לאנגן, שעפערישן לעבן איז אש שיער נישט געשטאנען אין דער קונע, אויספירנדיק „זיינע שרייבערישע שליחותן" —

און איצט שטייט ער פאר גאָט, דער אריה המת! גאָט פון נקמה איז אלץ מוחל, ווייל קיין קנאה איז ביי אים נישט חל. אבער צי וועלן די העצערייען אונזערע גערעכטע, און די אויפגערייצטע אומגערעכטן קעגן אים, איצט ווען ר'איז טויט, שלום אש, — אויפהערן?

בכל אופן איז ער ראנגלענדיק און זיך סארפנדיק גרויס באשטאנען דעם יידישן נסיון און אהיימגעקערט צו זיין אייביקער רו פון אלע זיינע, טומלדיקע שליחותן. — און זיין עכט נשמהדיקס וועט זיין צרורה בצרור החיים.

## 4

מיר האבן גרעסערע פראָזע שרייבער ווי שלום אַש, מיר האָבן טיפערע לירישע פאָעטן, אבער אש איז, און וועט מסתם אויך בלייבן אונדזער גרעסטער שריפטשטעלער.

אין אונדזער ספרים־אלמערל, די פאליצע מיט ביכער, וואס ער האט אָנגע־שריבן, נעמט ארום דעם גאנצן שטח פון אידישן לעבן, און די סקאַלע פון זיין פערסאנאזש איז פון יענקל שאַפשאָוויטש און מאטקע גנב ביז משה רבינו און ישעיהו הנביא, און אינמיטן די טרילאָגיעס — אַ לייטער וואָס שטייט מיט איר פיס אין דער ערד, מיט איר שפיץ גרייכט זי די הימלען, אָבער ווי לייכט איז פון איר אַראָפצופאַלן!...

מיט אונדזערע פינף מענטשלעכע חושים קאנען מיר קוים תופס זיין דריי רעאַלע אנטאפנדיקע דימענזיעס. דער דיכטער און דענקער רייסט זיך אבער, מיט אַ זעקסטן גייסטיק וויזיאנערישן חוש משיג צו זיין אַ פירטע דימענזיע; ער גראָבט זיך אין דער טיף, ער רייסט זיך אין דער הייך, דער שריפשטעלער אבער, גייט אין דער ברייט (און מיט דער צייט...) צו געפינען אלץ מער לוידיגן רום, וואס מער אויסגעשפרייטן גרוימיקן שטח —



דעריבער איז שלום אַש'ס אַרט שרייבן אַ צערעמאָניאלער; אויף שטאַנגען אַ חופהדיק צעהענגטער, איבער ארון־קודש אַ פרוכת גאלדן אויסגעשטיקטער, און אויף ליידיק גלאַטע ווענט צעהאנגענע טאפעטן. זיין סטיל, נישט ער גראבט זיך אין דער טיף, נישט ער דערגרייכט צו הייכן — ער גייט אין דער פלאך! און זיין זאַץ־בוי, וואָס ווייסט קיין געזעצן, פליסט גלאַט איבער אלע גרענעצן און צוימען.

די שטיל כוואַליעדיקע ווייסל, ווען זי געוויסערט און גייט קריע, איז דאָס ליריש פרילינגדיקע אין זיין בלוט, און דאָס שבת־יום־טובדיקע שטעטל — זיין עפיק.

און ווען אַש דער שריפשטעלער, וואס מאָלט דאס אידישע לעבן מיט אַ ברייטן פענזל ווערט פראבלעמאטיש אין זיין שרייבן, איז זיין דענקן אַזוי אומנואנסירט, אז אַלע סיגים און גדרים הערן אויף; און ווי פון אלע אידעאַלן מאָלט זיך ביי אים אויס איין גרויסע אידייע־פיקס, פונקט אזוי צעווישן זיך ביי אים די רעליגיעס אין איין רעליגיעזער צערעמאניע — ברייט צעהאנגען פונם טעמפל ביזן דאָם!

עס איז אַ גרויסער טעות צו וועלן מאכן פון אַ גרויסן שריפשטעלער א קדוש, אַ שעיר לד', ווי אומגעקערט, צו וועלן מאכן פון אים אַ שעיר לעזאזל; ער האָט צו ווייניק באָרד פארן ערשטן און צו קליינע הערנער פארן צווייטן. ער נעמט אויף דאָס לעבן פון דרויסן, און ער לאזט עס גיין מיטן שטראָם. ווי די געבונדענע טראַטוועס פון דער ווייסל ביז צום איסטריוועך — ער שילדערט עס, ווי עס איז! און אז אויף דעם ברייטן שטח, אויף דעם ווייטן מהלך עס ווערט פון ר' שלמה נגיד אַן אָנקעל מאזעס, און אז דער תהילים איד פארוואנדלט זיך אין אַ רעוורענד סילווער, איז דאָס ליידער זער „נאטורא־ליסטיש" — עפיק און עטיק זיינען לגמרי צוויי באַזונדערע ענינים!...

און ס'איז ממש סימבאליש וואָס זיין לעצטע מקום מנוחה האָט שלום אַש געפונען תחת כנפי השכינה פון דער רעפאָרם סינאַגאָגע.

עס איז נישט נאר וואָס אין דער צערעמאָניע פון אידישן טליתל ווערט די רעליגיע איינגעוויקלט אין אלע אירע דריי דימענזיעס, אזוי, אז זי גרענעצט זיך אזש אין איר וויזיע, מיט דער קלויסטערלעכער דריי־איניקייט, נאר וואָס דער טעמפל איז נאָך דער לעצטער באשטאנענער נסיון פון קליינשטעטלדיקן שניידער־מייסטער אויף זיין וועג צום גרויס־בורזשואַ. און דער מייסטער פון אידישן ראָמאן, שלום אַש, זיך רייסנדיק צום וועלט־מארק פון „בעסט סעלערס", איז ערלעך מיטגעגאנגען דעם פלאכן־וועג, אן אויסגעבעטן מיט ווייכע טעפי־כער צום צערעמאניאלן ארגלדיקן אַלטאר...

עס איז גאנץ נאטירלעך, אז אידיש שאַפן און אידישע קולטור, פון דרויסן גענומען, איז קריסטלעך אייראפעאישע קולטור — אַש איז גערעכט! אבער אידישע קולטור, פנימיותדיקע, פארטיפטע, אינערלעך אויסגעטראָגענע, אין זיך פארטיפט און גלויביק דערהויבן איז שעפערישע קולטור; יאָ, און ווי לייכט ס'פארווישן רעליגיעזע צוימען, פארווישן זיך אויך די שפראַכלעכע — משפה

לחוץ ווערן געשאפן ספרים חצונים! „החיים והמות ביד הלשון״, דער עניִן שפּראַך איז ליידער דער ווייאידיקסטער און שוואַכסטער פונקט —

שלום אַש׳ס טראגעדיע אין די לעצטע יארן פון זיין שאַפן איז אונדזער טראגעדיע — מיטגייענדיק מיטן שטראָם האָט ער נישט געפונען מער דעם **וועג צו זיך.**

אָבער אַש׳ס ליבע צו זיין פאלק — וואָס מאַנכע ווילן זי דווקא פארווישן! — איז גרויס און שטראַלט ארויס פון אלע זיינע ווערק. צו זיין דער סניגור פון זיין אומה איז געווען אינם שאפן פון זיין ערשטן בוך, ביז צו זיין לעצטן, וואס ער האט פארטראַכט.

ווי אין אַ מאַמע־טראכט דער עמבריאָ נעמט אָן אלע אור־פאָרמען ביז ער באקומט אַ מענטשלעך געשטאַלט, אזוי פאָרעמט אַ גרויסער שרייבער זיין פאלק, פון זיין ערשטן בוך ביז זיין לעצטן, ביז דאָס פאלק, ארבעט זיך ארויס ביי אים מיט געשטאַלט פון זיין דור.

און דאָס איז מסתם געווען אש׳ס לעבנס ווערק, זיין אומבאוואוסט שעפעריש שליחות, צו ווייזן אונדזער פאלק אין אלע זיינע דימענזיעס אינם אויסערלעכן גלאנץ, ווי אין אַ פלאַכן שפיגל, כדי עס זאָל זוכן דעם וועג צו זיך, אים צוריקצוגעפינען, פנימיותדיק־פארטיפט און גלויביק־דערהויבן.

## שמואל ווהייט

### אויף שלום אשס קבר

אין ווייניקער ווי פיר איילן<br>
ליגט דיין גרויסקייט איינגעקלאמערט;<br>
דו מיט דיין נאבעלן נאמען, וואָס שמט<br>
ווייט און ברייט אין אלע וועלט-טיילן;<br>
וואָס האָט מיט געמאסטענעם בליק<br>
לעבנס־שטריכן אויסגעהאמערט.

„דיין איך״, פון קאמף אויסגעמאטערט,<br>
ליגט יעצט דא פון לעבן באזיגט;<br>
באוועבט מיט אַן איראנישן שמייכל,<br>
וואָס האָט צאנקענד אויסגעפלאקערט;<br>
חלומות אויסגעשפונענע<br>
האלטן דיך אין שטילן שויס פארוועבט.

## שלהבת נפלה בארזים —

צוזאמען מיט דער יידישער וועלט, טרויערן אויך מיר צוליבן טויט פון

**שלום אש** ז״ל,

דעם גרויסן שרייבער און ייד.

**דר. יעקב י. מייטליס** און פאמיליע





שלום אַש שטייט צווישן י. ל. פרץ און דר. זשיטלאָווסקי. פון די צווי זייטן רעכטס — נאָמבערג, ליקס רייזין.

## י. ביעטש

### צו די שלושים נאך שלום אש

גרויס איז די אבידה אין דער איצטיקער צייט פאר דער יידישער קולטור! מיט אשס פטירה איז אוועק איינער פון די אנגעזעענסטע פארשטייער פון דער יידישער ליטעראטור, און איינגעהילט אין טיפן טרויער איבער דער גארער וועלט זענען אלע, וועלכע האבן ליב דאָס יידישע וואָרט.

ס׳איז שווער צו גלויבן, אז שלום אש, דער מעכטיקער ריז; דער שאפער פון צענדליקער וויכטיקע ביכער, דער עמוד הברזל, צו וועמען מיר האָבן ארויפגעקוקט, ווי צום סצעפטער־טרעגער פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור, וועלכער האָט במשך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט באריכערט אונזער קולטור־בעל־הביתישקייט מיט זיינע ווערק, איז מער נישט מיט אונז.

**אמת, אז נפטר געווארן איז בלויז** דער מענטש שלום אש. נאר זיינע דערציילונגען, נאוועלן, ראמאנען און דראמען וועלן פארבלייבן אַן אייביקע ירושה ביים פאלק. אין אט די אלע ווערק וויקלט ער איף פאר אונזערע אויגן פארבנרייכע פאנאראמעס, מייסטערהאפטע בילדער פונם אלט־נייעם יידישקייט; געשאפן אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן און אמעריקע.

שלום אש האָט מיט זיך סימבאליזירט אַ תקופה, וואָס ליידט און קלאגט, האָפט און קעמפט — אַ גאנצע מענטשהייט...

איך וויל גלייך באמערקן, אז דא רעדט זיך נישט פון אשן, וועמען מען האָט אין די לעצטע יאָרן אזויפיל דיסקוטירט און קריטיקירט צוליב די ווערק, וואָס

אין זיי האָט ער זיך פאַרטיפט איבער דעם ענין יידנטום־קריסטנטום מיט דער כוונה, אויב מעגלעך, צו געפינען אַ וועג פאַר קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג. דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. און עס איז כלל נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין אַ געוויסן זין האָט דאָס גורם געווען אַ פאַרטונקלונג ביי אונז יידן לגבי דער גרויסקייט פונם שריפטשטעלער שלום אַש.

די לוויה אין לאָנדאָן האָט עס אַזוי בולט אונטערגעשטראָכן.

דער נפטר איז געווען פון די יחידי סגולה צו פאַרנעמען אַ גאַנץ אייגנאַרטיק אָרט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. געהאָט האָט ער זיין אייגענעם גאַנג אין שילדערן גאָטס וועלטל, מיט איר שיינקייט, און ביז היינט־צו־טאָג איז ער פאַרבליבן דער פּאָפּולערסטער שרייבער ביי יידן. אַלע שיכטן פונם פאָלק האָבן אים ליב געהאָט.

זיין קונסט איז אַן ספק אמת און גרויס. אַ רעאַליסט און ראָמאַנטיקער, האָט ער אונז געוויזן די מענטשלעכע נשמה אין איר וואָכעדיקער הלבשה און אין איר שבת־קודשדיקן און יום־טובדיקן ערנסט. ליגט דאָך אויף אַלע זיינע שילדערונגען, הן פונם לעבן הן פון דער נאַטור, אַן אמת יידישער חן.

די נאַטור זעט אַש מיט די אויגן פון אַ יידישער מאַמע. למשל, ווען ער זעט דעם הימל נאָך אַ רעגן, שרייבט ער אַזוי :

„און איבער דעם קלאָרן הימל מיט בלויע פאַרטונקלטע וואָלקן בויגט זיך אַ גאָלדענער רעגנבויגן, מיט בלויע עקן. גאָט איז „באַרמהערציק“, זאָגט דער הימל און טריקנט די ערד מיט ליכטיקער ליבשאַפט, ווי אַ מאַמע, וואָס ווישט אָפּ די בעקלעך פון אַ פאַרוויינט קינד“.

שלום אַש איז געבוירן געוואָרן מיט אַ ליכטיק אויג, וואָס האָט אויפגעכאַפּט די פיינסטע פעדעם פון יידישן כלל ווי אויך פון דער נאַטור אַרום. ער שרייבט : „שיין און רחבותדיק שפּרייטן זיך אויס די הימלען, די פעלדער און וועלדער אַרום די קליינע יידישע שטעטלעך. די עדה אָבער אין די דאָזיקע שטעטלעך איז אָרים און נידערגעשלאָגן. זומער, ווען דער וואַלד דער גרינער זיידע פונם שטעטל בליט, און דאָרטן אויפן באַרג ציען זיך אַרויף גרינע פעלדער און אויבן העכער די רייכע יום־טובדיקע זון, ווערן די אָרימע הייזלעך פאַרשעמט פאַר גאָטס וועלט. און דאָ איבער זיי ציען זיך אַזעלכע רייכע און רחבותדיקע הימלען. . . די אָרימע איינגעפאַלענע יידישע הייזלעך שטייען דאָן וויסט און טרויעריק, קלערן אויף אַ תכלית פון יענער וועלט.“

ס'איז קיין וואונדער נישט וואָס פּוילישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווי י. ל. פרץ, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, י. מ. ווייסנבערג און אַנדערע. ווי זאָגט מען, אַז ס'איז דאָ דער באָדן און די גייסטיקע שפע, געפינען זיך שוין די געהעריקע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן דעם חוש פאַרן קאָלאָריט פונם שטייגער לעבן אין די שטעט און שטעטלעך, וואו אַ פאָלק איז דורותלאַנג פאַרוואָרצלט.

אפשר מער ווי אַנדערע איז שלום אַש געווען באַשאָנקען מיט אַט דער גרויסער מתנה פון גאָטס גענאַד. האָט דאָך טאַקע זיין טאַלאַנט אים דערמעג־



לעכט צו זען אין לעבן אָפּט דאָס, וואָס אַן איינפאַך אויג איז פשוט נישט מסוגל געווען צו דערזען.

גאַנץ כאַראַקטעריסטיש איז זיין הקדמה צו זיין בוך „דאָס שטעטל“, וואו מיר לייענען : „פון שטעטל בין איך אַרויסגעקומען, און אויף דעם וועג צו דעם יידישן שטעטל בין איך געגאַנגען דורך דער גאַנצער צייט פון מיין שאַפן. האָבן מיינע טראַכטן געקאָנט זיין טראַכטן פון דער וועלט, נאָר וואו איך בין געקומען אין די גרויסע שטעט פון דער אַלטער — צי אין די גרויסע שטעט פון דער נייער וועלט, אומעטום האָבן פאַר מיר געפינקלט ווי כשוף־פייערן, ווי וויזיאָנען, די נידריקע דעכלעך פון די קרומע הייזלעך פון שטעטל, וואו די אָרימקייט, די צניעות און די יידישע פרומקייט וואוינט“.

ווי באַוואוסט, האָט מען אַש באַצייכנט אַלס דאָס אייניקל פון זיידן, ר' מענדעלע מוכר ספרים. ביידע האָבן זיי אונז געוויזן דאָס לעבן פון דער יידישער עדה אין די קליינע שטעטלעך ; און איטלעכער פון זיי האָט אונז געגעבן דעם תמצית פון דעם, מיט וואָס ס'האָט זיך אויסגעצייכנט די וועלט פון אַמאָל. דער זיידע פאָרט זיך ברייט מיט זיין פערד־און־וועגלע איבער די ליטווישע שטעטלעך, קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע און גלופּסק, שמייכנדיק מיט זיין סאַטיריש בייטשל די יידישע עדה. פון אַט אונטער די שמיץ הערט מען דעם „אוי מה היה לנו“. ס'מאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געשטעלט די בעלי־בתים פון אַט די שטעטלעך פאַר אַ צעבראָכענעם שפּיגל און געזאָגט, „זעט וואָס פאַר אַ פּנים איר האָט !“

פונקט פאַרקערט באַמיט זיך שלום אַש צו ווייזן דאָס אינעווייניקסטע פונם מענטשן — די נשמה זיינע אין קאַמף און ראַנגלעניש פון אונזער צייט. ס'וועט קיין גוזמא נישט זיין צו זאָגן, אַז עס איז פשוט נישט פאַראַן קיין איינציק באַהאַלטן קעמערל אין יידישן לעבן, וואו אַש, מיט זיין קינסטלעריש אויג, האָט נישט אַריינגעקוקט.

קיינער אחוץ שלום אַש האָט נישט אַזוי אידעאַליזירט דעם אַלט־פרומען יידישן לעבנס־שטייגער, ווי מיר זעען דאָס אין זיין בוך „דאָס שטעטל“ און אין דעם אַנדערן בוך „ר'שלמה נגיד“. דאָ האָבן מיר אַ שטיק יום־טובדיקע אידיליע, וואָס וועט פאַרבלייבן ווי אַ לייכט־טורם אין דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. מיט זיין זיכערער פּען האָט ער באַשריבן און באַמאָלן דאָס יידישע לעבן. זיין אויג האָט אַלץ געזען און זיין האַרץ האָט אַלץ אַדורכגעפילט, שאַפנדיק ליטעראַטור־פּערל, וואָס פאַראייביקן דעם נאָמען פון זייער מחבר.

אָבער בשעת שלום אַשס לוויה, צו וועלכער בלויז אייניקע צענדליק מענטשן זענען געקומען, כדי אים אָפּצוגעבן כבוד המת, האָב איך זיך פאַרטראַכט איבער זיין שילדערונג, וויאַזוי ר' יחיאל „דער תהלים־ייד“ קומט צו קבר ישראל.

„אַ גאַנצע נאַכט זענען פורן געפאָרן, וואָרום ס'האָט זיך געטראָגן אויף די פליגלען פון ווינט די שרעקלעכע ידיעה : דער תהלים־ייד איז פאַררופן געוואָרן אין דער אויבערשטער ישיבה. און ס'זענען אָנגעקומען לייט פון אַלע

געגענטן ארום יאנעווצע און פון דער אנדערער זייט ווייסל. זיי האָבן גענומען דעם ארון און ארויסגעפירט אויפן בית־הקברות, און די ארימע און די נידער־געשלאגענע זענען געגאנגען נאָך דער מטה.

„און זיי האָבן דער ערד אפּגעגעבן דאָס איריקע און צוגעדעקט זיין קבר. דערנאָך האָט דאָס גאנצע פאלק נאָך אים קריעה־געריסן".

בשעת אט די ווערטער זענען אזוי פלוצלינג אדורך דורך מיין רעיון, האָט מיר עפּעס מאדנע אין הארצן אַ צוק געטון: סטייטש שלום אש! אפילו נישט איינער פון עמך, פאר וועמען ער האָט אזוי געשאפן, האָט אַ פאר ווערטער נישט געזאגט ביי זיין קבר. אין אט דער רגע האָט זיך מיר אויסגעדוכט ווי עפּעס אַ חשכה וואלט זיך אויסגעשפרייט איבער דער יידישער וועלט. בלחש האָב איך צו מיר געזאגט: געשטארבן איז טאקע שלום אש, אבער זיינע ווערק לעבן!

שלאף זשע רואיק אין דיין קבר, אומשטערבלעכער קינסטלער און שרייבער!...

## דער ארבעטער־רינג

דער ארבעטער־רינג שטייט טיף אין טרויער פאר דעם פארלוסט פון איינעם פון די — שוין אזוי ווייניק — געבליבענע גרויסע יידן און געניאלע קינסטלער, ווי שלום אש איז געווען.

אנגעהויבן האָט דער ארבעטער־רינג זיין טעטיקייט אין לאָנדאָן צווישן די ערשטע געקומענע אימיגראנטן פון מזרח־אייראפּע, וואָס זייער שפראך און קולטור איז געווען יידיש. און אין דער ביבליאטעק פונם ארבעטער־רינג איז שלום אש געווען דער אממייסטן געלעזענער שרייבער, און זיינע ווערק זענען דא געווען אין צו פיר און פינף עקזעמפּליארן. אפּטמאל ווען אַ ניי בוך פון שלום אשן איז דערשינען איז עס די לייענער אויסגעקומען צוווארטן מיט אומגעדולד אין דער ריי ביז זיי האָבן באקומען אַן עקזעמפּליאר.

איצטער ווען ענגליש פארנעמט דאָס ארט פון יידיש אין ארבעטער־רינג, איז דער פארלוסט פון דעם גרויסן קינסטלער אַ פיל ברייטערער, ווייל דער יונגער דור לייענט שוין שלום אשן אין ענגליש. אזויווי יידיש איז דעם יונגן דור פרעמד אדער ער קען בכלל נישט קיין יידיש, באמיט זיך דער ארבעטער־רינג צו באקומען אלע ווערק פון שלום אשן אויף דער ענגלישער איבערזעצונג.

מיט געבויגענע קעפּ שטייען די מיטגלידער פון ארבעטער־רינג ביי דעם פרישן קבר פון דעם גרויסן קינסטלער שלום אש.

כבוד זיין אנדענקען!

Workers' Circle,
13, Silvester Path,
Hackney, London, 1.8.



## שלום אש

## די ירושה

איך ווייס ניט פאַר וואָס עס איז מיך געקומען אויפ׳ן געדאַנק די אידענע חיה־לאה מיט איהר אַלטען קאַסטען, וועלכע איך געדענק ווי אין אַ חלום פון מיינע קינדערשע יאָהרען. אפשר איז דאַ דערביי עפּעס אַ זין, וואָס לוינט זיך צו דערצעהלען. זאָל דער לעזער משפט׳ן. איך מוז זיך אָבער באפרייען פון דער עראינערונג, וועלכע איז זייט אַ געוויסע צייט אויפגעשטאַנען אין מיר ווי אַ לעבעדיגע ערשיינונג און פאָדערט מיך, אַז איך זאָל זי באשרייבען.

די אידענע חיה־לאה איז געווען די מוטער פון אונזער שכן, חיים׳שע דער פעלשער, וועלכען מען האָט אויך גערופען ביי אונז איז שטעדטעל מיט דעם פאָר היינט ניט שעהנעם נאָמען, חיים׳שע דער קאַנע־מאַכער. נאָר פאַר די דאַמאַלסדיגע צייטען, וואָס מען האָט ליעב געהאַט אַנצורופען זאַכען ביי די ריכטיגע נעמען, האָט דער נאָמען ניט נאָר אַרויסגערופען קיין שפּאָט, נאָר פארקעהרט, עת איז געווען אַ טיטול, און האָט געקלונגען ווי היינט, למשל, „דאָקטאָר מעדיצין". און האָט מען באגעגענט חיים׳שען געהן איבער דער גאַס מיט דער גרויסער קאַנע אונטער׳ן אָרעם, אַזוי האָט דאָס גאַנצע שטעדטעל געוואוסט, אַז ווער פון איהרע חשובע בעלי־בתים האָט זיך איבערגעגעסען און מען דאַרף איהם געהן מבקר חולה זיין.

חיים׳שע דער קאַנע־מאַכער איז געווען אַ שטיק אַלטערטום. פון זיין מעדיצינישער פּראָפעסיע האָט אַראָפּגעוועהט דאָס מיטעלאַלטער געהיילט האָט ער מיט דעם אַלטן, אויסגעפּרואווטען מיטעל, מיט דער קאַנע, פון אַלע קראַנקהייטען, און אַז די קאַנע האָט ניט געהאָלפען, האָט ער באַנוצט דאָס ראַדיקאַלע מיטעל, געהאַקטע באַנקעס, וועלכע ער האָט גענומען נאָך אַ הייסער באָד. נאָר טאָמער, חלילה, איז עס אָנגעקומען צו באַנקעס, איז שוין ניט גוט געווען. האָט מען געזעהן חיים׳שען מיט דער טאָרבע באַנקעס אונטער׳ן אָרעם און מיט׳ן וואַקסענעם ליכט אין דער האַנד געהן איבער׳ן געסעל, האָט מען זיך שוין פון קראַנקען מיאש געווען, און קרובים זיינען געלאָפען אין שוהל אַריין תהלים זאָגען. אַ חוץ די צוויי אויסגעפּרואווטע מיטלען — קאַנע און באַנקעס — האָט נאָך חיים׳שע באַזעסען אַ גאַנצע צאָהל פלעשלעך מיט רפואות־וואַסער. צו יעדער חולאת האָט ער געהאַט אַ באַזונדער וואונדער־וואַסער: כאָלערא־וואַסער, נופל־חולים־וואַסער, יום־כפור־וואַסער און נאָך אַ סך אַנדערע וואַסערען, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרען לויט אַ געהיימען רעצעפּט, וואָס איז נאָר באוואוסט געווען צו איהם אַליין.

געזאָגט האָט מען, אַז די אַלע געהיימע רפואות האָט ער איבערגענומען פון זיין אַלטער מוטער, וועלכע איז געווען אין פריהעריגע יאָהרען אַ הייבאַמע און האָט אָפּגענומען מיט איהרע אייגענע הענד די אַלע בכבוד׳ע בעלי־בתים, וועלכע זיינען היינט נגידים, דאַזאַרצעס, גבאים און גלאַט אַזוי שעהנע אידען.

זי, די אַלטע אידענע, האָט דעם כבוד געהאַט די ערשטע פעטש צו געבען אויף די געזעסלעך פון אָט די אַלע היינטיגע שעהנע בעלי־בתים. נאָר דאָס זאָגען האָט ניט פאַרקלענערט די אויטאָריטעט פון חיים׳שען און האָט ניט אָפּגעשוואַכט זיין פּראָפעסיאָנעלען רוהם. פאַרקעהרט, דאָס האָט צוגעגעבען אַ גלאַנץ צו זיין רוהם, און זין אויטאָריטעט איז באַפעסטיגטער געוואָרען.

איך אַליין געדענק שוין ניט די אַלטע חיה־לאה, אַז זי זאָל זיך האָבען באַשעפטיגט מיט איהר פּראָפעסיע. אין מיינע יאָהרען איז זי שוין געווען אַן אַלטע, אַלטע, אַלטע אידענע, וועלכע איז געלעגען אַ גאַנצע וואָך אין בעט. נאָר שבת און יום־טוב האָט זי דער זוהן אָנגעטהאָן אין איהרע אַלט־מאָדישע קליידער, מיט דער גרויסער הויב אויפ׳ן קאָפּ, מיט דער גלאַנציגער שטערען־טיכעל אויפ׳ן שטערען, מיט׳ן האַרקברעטעל, פון וועלכען עס האָבען אַראָפּגעשימערט אַ פּאָר צווייפעלהאַפטע שטיינער אויף גרינעם סאַמעט. און ער האָט זי אַרויסגעזעצט אויפ׳ן הילצערנעם גאַניקעל, און אַלע, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָבען זי בכבוד׳יג געגריסט און געביטען איהר „גוט־שבת“. ווייל ניט נאָר איז געווען די עלטסטע אידענע אין שטעדטעל, נאָר זי איז אויך געווין די הייבאַמע פון אַלע מוטערס און פאָטערס פון שטעדטעל, און אַלע האָבען זי גערופען „די באָבע“. און צווישען די שבת׳דיגע אַלט־מאָדישע קליידער און ציערונג האָט געבלישטשעט אין דער זון אַ גאָלדען שליסעלע, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ גאָלדען קייטעל פון איבער איהר האַלז אַראָפּ. און אַז די מענשען, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָבען געזעהן דעם גאָלדענעם שליסעלע, איז געוואָרען אַ געשושקעריי אין די אויערען, און איינער האָט דעם אַנדערען געוויזען:

— דו זעהסט ? דו זעהסט ?

— דער גאָלדענע שליסעלע פון קאַסטען.

— ווער ווייסט וואָס פאַר אַ אוצרות זי האָט דאָרט ליעגען אין קאַסטען.

— נאַפּאָלעאָן׳ס מתנה.

— וועט דאָס חיים׳ל פּאַקען אַן אפּותיקא.

— איך גיב איהם שוין מיין שטוב פאַר דער ירושה, מיט מיין קראָם אין אַלטען מאַרק.

— נאַר איינער, יענער ריכט זיך אויף אַן אוצר. אַ קלייניגקייט, נאַפּאָלעאָן׳ס מתנה.

אונטער דעם בעט פון דער אַלטער חיה־לאה איז געשטאַנען אַן אַלטער קאַסטען אויף פיער רעדלעך. דער שליסעל פון אַלטען קאַסטען איז געווען אַ גאָלדענער און איז געהאַנגען אויף דער אידענע׳ס האַרץ. די אידענע האָט געהיט דעם שליסעל ווי איהרע אויגען אין קאָפּ. שטענדיג איז זי געשלאָפען מיט דעם שליסעל אונטער איהר קישען, און טאָמער האָט זי געהערט עפּעס אַן אונבאַקאַנטען דורכגעהן, פלעגט זי זיך באַלד כאַפּען צום שליסעל. זי איז שוין געווען בלינד פון אַלטקייט, און ביי איהר בעט איז געשטאַנען אַן אַלטער שטעקען מיט אַ ביינערנעם קעפּעל. אַז זי האָט געהערט וועמען דורכגעהן,



פלעגט זי מיט איהר שטעקען אָנקלאַפּען אָן קאַסטען, אויב דער קאַסטען שטעהט.
מען זאָגט אַז אין דעם קלאַנג פון קאַסטען האָט זי געהערט צי ער איז נאָך אונבאַריהרט. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס אין דעם קאַסטען געפינט זיך . . .
קיין קינד האָט זי ניט פאַרטרויט דעם שליסעל, ניט דעם אינהאַלט פון קאַסטען, נאָר זי פלעגט פון צייט צו צייט לאָזען פאַלען אַ וואָרט, ווען אַן אייניקעל איז צו איהר גוט געווען:

— מיין קינד, איך האָב פאַר אַלעמען געזאָרגט. קיינעם ניט פאַרגעסען, קיינעם ניט.

— באָבע, פאַר וואָס האָט דער קאַסטען רעדלעך ? — האָט זי אַן אייניקעל געפרעגט.

— פאַרצייטענס, מיין קינד, — פלעגט זי ענטפערען — האָט מען דאָך מורא געהאַט פאַר איבערפאַלען, פאַר גוים, האָט מען שטענדיג געהאַט שטעהן אַ קאַסטען אויף רעדלעך. אין דעם קאַסטען איז געווען באַהאַלטען דאָס ביסעל אָרימקייט, און אַז עס האָט זיך געמאַכט, באַהיט גאָט, אַ בהלה, אַזוי האָט מען זיך איינגעשפּאַנט אין קאַסטען און מ׳איז מיט איהם אנטלאָפען. דאַרום האָט דער קאַסטען רעדלעך.

מען ווייס ניט ווער האָט עס פאַרשפּרייט, נאָר עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג אין שטעדטעל, אַז אין דעם אייזערנעם קאַסטען, אונטער דער אידענע׳ס בעט, געפינט זיך אַן אוצר. עס האָט זיך באַלד געפונען אַן אַלטער איד אין איהרע יאָהרען, וואָס האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה פון פאַרצייטענס: ווען נאַפּאָלעאָן איז געווען אין שטעדטעל, איז זי, חיה־לאה, דאַמאָלסט געווען אַ יונגע פרוי, איז זי גערופען געוואָרפען אין הויז צו נאַפּאָלעאָן — און פון דענסמאָל אָן האָט זי דעם קאַסטען. אַנדערע האָבען דערצעהלט, אַז דער אוצר נעהמט זיך פון אַ רייכער פּריצ׳טע, וועלכע האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און דער מאַן האָט זי געוואָלט דערפאַר אַוועקוואַרפען און נעהמען אַן אַנדערע, האָט חיה־לאה דער פּריצ׳טע איינגעגעבען צו טרינקען אַזעלכע טראָפּען, פון וועלכע זי איז טראָגענדיג געוואָרען און פאַר דאַנקבאַרקייט האָט זי איהר געשאָנקען אַן אוצר. ביי אַנדערע איז די פאַנטאַזיע געגאַנגען נאָך ווייטער און מען האָט זיך אין די אויערען גע׳סוד׳עט וועגען אַ געהיימען פאַרברעכען, וואָס די אידענע איז באַגאַנגען אין איהרע יונגע יאָהרען, ביי איהר פּראָפעסיאָן: אַז זי זאָל האָבען קינדער אומגעביטען, און טיעף אין דעם קאַסטען איז איינאיינעם מיט דעם אוצר באַהלטען עפּעס אַ טיעף געהיימניס. ווי עס זאָל ניט זיין, אין דעם אוצר האָט קיינער ניט געצווייפעלט. און ניט נאָר האָט די אידענע ניט אָפּגעלייקענט וועגען דעם אוצר אין דעם קאַסטען, נאָר זי פלעגט מיט איהרע פאַרבאָרגענע, צוויי־דייטיגע און גאַנץ מיסטישע באַמערקונגען נאָך מעהר צוגעבען גלויבען צו דער לעגענדע פון קאַסטען. אַזוי פלעגט זי אָפּט דעם זוהן באַרוהיגען, ווען ער האָט זיך געקלאָגט פאַר איהר, אַז ער דאַרף די טאָכטער חתונה מאַכען.

— מיין קינד, נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר. איך האָב פאַר אַלעמען

געזאָרגט, פאַר אַלע מיינע אייניקלעך.

זעלבסטפאַרשטענדליך האָט חיים׳שע אויסגעגעבן זיין טאָכטער, און אין דעם נדן האָט ער אייגעשאַצט דעם אַלטען קאַסטען.

— נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר האָט זי דאָך אַ טהייל אין דער ירושה, אין קאַסטען, — האָט ער איינגערעדט דעם מחותן.

דער קאַסטען האָט ניט נאָר בלויז חתונה געמאַכט חיים׳שעס דריי טעכטער, נאָך ער האָט אויך געשאַפען דעם פעלדשער געלד יעדעס מאָל ווען ער האָט באַדאַרפט. דער קאַסטען איז געוואָרען ווי אַ צויבער וואָרט פון אַ כשוף־מאַכער. דער פעלדשער האָט נאָר באַדאַרפט דערמאָנען דאָס וואָרט „קאַסטען" און די בייטלען פון די מלוות פון שטעדטעל האָבען זיך לייכטער געעפענט פאַר איהם ווי פאַר אַנדערע מיט גאָלדענע און זילבערנע משכנות.

באַלד האָט זיך פאַרשפרייט דער שם פון קאַסטען איבער דער וועלט און ער האָט אויסגעזוכט נאָהענטע און ווייטע קרובים און זיי געבראַכט צום ראַנד פון בעט פון דער אַלטער אידענע. צוויי טעכטער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ראַסיי (חתונה געהאַט מיט אידישע סאָלדאַטען, וואָס זיינען געשטאַנען אין שטעדטעל), זיינען געקומען אין שטעדטעל צופאָהרען, נעהמען די מאַמע צו זיך אַהיים.

— וואָס, אַלץ קומט דיר, די גאַנצע מאַמע, מיר זיינען ניט קיין קינדער?

—האָבען זיי זיך געקריעגט מיט׳ן ברודער.

— וואו וועט זיך די מאַמע שלעפען אויף איהרע אַלטע יאָהר אין ווייטע מדינות?

— טאַקע, מיינע קינדער, ווי קען איך מיר שלעפען איבער דער וועלט מיט׳ן קאַסטען? האָט ניט קיין מורא, קינדער, איך האָב פאַר אַלע געזאָרגט. נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר — פאַר אַלע מיינע קינדער, פאַר אַלע מיינע אייניקלעך.

האָבען זיך די טעכטער באַזעצט אין שטעדטעל אָפּהיטען דעם קאַסטען... יעדע פאָר וואָכען האָט זיך אַן אַנדער משפחה אויפגעזוכט, און איז געקומען צופאָהרען מיט אַ יחוס־בריעף, אַז ער איז דער באָבע׳ס אַן אייניקעל, אַ קרוב. דער קאַסטען איז געוואָרען, ווי אַ טייערער שטיין, וואָס ניט נאָר ער צושיקט זיינע שטראַהלען פון זיך, נאָר זאַמעלט אַלע אַרויסגעשיקטע שטראַהלען און ציהט זיי צו זיך צו. אַזוי האָבען זיך אַלע געקליבען און געזאַמעלט אַרום דעם קאַסטען און אַלעמען האָט די אידענע באַרוהיגט און פאַרזיכערט:

— איך האָב קיינעם ניט פאַרזעהן, מיינע קינדער, איך האָב פאַר אַלעמען געזאָרגט. אַלע זיינט עטץ מיינע קינדער, מיינע אייניקלעך.

זעלבסט־פאַרשטענדליך האָט די אידענע געהאַט אַ בכבוד׳ע עלטער און אַ עהרונג און אַכטונג פון איהרע קינדער און איהרע אייניקלעך, וואָס ניט איין בעל־הבית׳טע האָט זי מקנא געווען און געוואונשען זיך צו האָבען אַזאַ עלטער, ווי זי האָט. די קינדער, דער זוהן און די טעכטער, און די אייניקלעך, און גלאַט אַזוי משפחה, וואָס זיינען זיך געקומען צוזאַמענצוציהען פון איבעראַל, האָבען



אַרויסגעוויזען איהר איבערגעטריבענע ליעבשאַפט און געטריישאַפט. יעדער איינער האָט געוואָלט זיך אויספיינען אין די בלינדע אויגען פון דער אידענע און צוגע׳חנפ׳עט זיך צו איהר. ווען מען איז געבליבען מיט איהר אַליין, האָט מען אַריינגעוואָרפען אַ שלעכט וואָרט אויפ׳ן אַנדערען.

— באָבעשי, האָב איך די באָבעשי ליעב. איך בעט גאָט טאָג און נאַכט, אַז די באָבעשי זאָל לעבען, זאָל אונז אַלעמען איבערלעבען — ניט אַזוי ווי יענע — וואָס זאָל איך זאָגען...

— מיין קינד, איך האָב פאַר דיר אויך געזאָרגט — איך האָב קיינעם ניט פאַרזעהן, נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר — האָט די באָבע איבערגעריסען יענעמס חניפה.

און ניט נאָר די קינדער, נאָר גלאַט אַזוי פרעמדע, בעל־הבתים פון שטאָדט. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז געווען די הייבאַמע און מען איז אַריינגעקומען איהר גוט־שבת און גוט־יום־טוב ביטען; האָט מען אין אַ בעל־הבית׳יש שטוב געקאָכט אַ פריש יאַיכעל, האָט מען דער „באָבעשי" אַרונטערגעשיקט אַ טעפעל דאָס האַרץ זיך צו דערכאַפען. פון יעדען גוטען קוגעל און פון יעדען גראָטענעם פוטער־קוכען האָט די „באָבעשי" געמוזט פאַרזוכען. וואָרום יעדער איינער אין שטעדטעל האָט זיך גערעכט אויף עפּעס. — „מען קען קיינמאָל ניט וויסען, וואָס אַזאַ אידענע האָט אין זינען..."

אַז ס׳איז געקומען די צייט, אַז די אידענע זאָל אַוועקגעהן פון דער וועלט, האָט זי געלאָזט רופען דעם זוהן צו זיך, געהייסען אַלעמען אַרויסגעהן. און בלייבענדיג מיט דעם זוהן אַליין, האָט זי איהם איבערגעגעבען דעם גאָלדענעם שליסעלע, און האָט דעם זוהן באַשוואָרען אַז ער זאָל עהרליך אויספיהרען די צואה, וואָס זי האָט ליעגען אין קאַסטען אינאיינעם מיט דער ירושה, און יעדען איינטהיילען זיין חלק, אַזוי ווי זי האָט פאַרשריבען אין דער ירושה. אויף וואָס דער זוהן האָט איהר מיט טרעהרען אין די אויגען הייליג געשוואָרען.

אַרום איהר בעט זיינען ווי ביי אַ גרויסען צדיק געשטאַנען אַלע איהרע קינדער און אייניקלעך, די גאַנצע משפחה פון ווייט און נאָהענט — און שעהנע אידען פון שטעדטעל האָבען תהלים געזאָגט. מען האָט וי פאַרגליכען מיט שפרה און פועה, די הייבאַמען פון די אידען אין מצרים. און אויסגעטייטשט דעם כבוד, וואָס זי האָט געהאַט ביי איהר לעבען, ווייל זי האָט אַזוי פיעל אידישע קינדער געהאָלפען קומען אויף דער וועלט — און די באָבע איז איינגעשלאָפען מיט אַ זאַנפטען שמייכעל אויפ׳ן פנים, ווי די אַלטע גוטסקייט, וואָס האָט זיך איינגעקנעטען אין די קנייטשען פון איהר פנים, וואָלטען פאַרשטיינערט געוואָרען אין איהר פנים אויף שטענדיג.

נאָך דער מוטער׳ס טויט האָט דער זוהן חיים׳שע צונויפגעזאַמעלט די משפחה אין דער צווייטער שטוב, און געטריי צו דער שבועה, וואָס ער האָט צו דער מוטער געשוואוירען אויפ׳ן טויטען־בעט, האָט ער זיי איבערגעגעבען דער מוטער׳ס רייד. צוויי פון דער משפחה האָבען גאַנץ זאַכט און פאַרזיכטיג אַפּירגענומען דעם קאַסטען פון אונטער׳ן בעט און אַריינגעטראָגען איהם אין

דער צווייטער שטוב, אַרויפגעשטעלט איהם אויפ׳ן טיש. מען האָט צוגעמאַכט די לאָדען איבער די פענסטער און אָנגעצונדען די לאָמפּ — כאָטש עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג, כדי קיינער זאָל פון דרויסען ניט אַריינקוקען און זעהן וואָס אין קאַסטען טהוט זיך. נאָר דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געוואוסט, אַז יעצט עפענט מען דעם קאַסטען און זיי האָבען זיך געדרעהט אַרום דעם פעלדשער׳ס הייזעל, אויסגעהענדיג פון נייגיעריגקייט, און פּרובירענדיג אין פאַראויס צו טרעפען, וואָס אין קאַסטען געפינט זיך. מיט האַרצקלאַפּען און ציטערענדיגע הענד האָט דער פעלדשער אריינגעשטעקט דאָס גאָלדענע שליסעלע אין שלאָס פון קאַסטען. דער קאַסטען איז געווען אַן אַלטער, און אַרומגעקאָוועט מיט אייזערנע פרענטען און צוימען, און דער שלאָס אַן אַלט־מאָדישער. בחנם האָט חיים׳שע געפּרואווט דרעהען דעם שליסעל אין שלאָס. דער שלאָס איז געווען פאַרראָסטעט און ניט געוואָלט אַזוי גיך נאָכלאָזען. דערווייל זיינען אַלעמען די הערצער אויסגעגאַנגען פאַר נייגעריגקייט און ערוואַרטונג. צוויי שטאַרקע אידען פון דער משפחה, די זעלבע, וואָס האָבען אַריינגעטראָגען דעם קאַסטען, האָבען מיט זייער גאַנצען כח געדרעהט דעם שליסעל אין שלאָס, אָבער דער שלאָס האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען, ביז מען האָט איהם ניט געגעבען זיך אָנצוטרינקען מיט אַ פלעשעלע שמיר־אויל. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צו כאָרכלען, ווי אַ געקוילעטע הוהן. באַלד האָט עפּעס דאָרט געפּלאַצט און עס האָט זיך פונאַנדערגעשפּיעלט אַ שפּרינג. ענדליך האָט ער נאָכגעגעבען. עס איז מיט אַמאָל אויפגעשפּרונגען איין שלאָס נאָכ׳ן אַנדערען, און די דריי פרענטען האָבען זיך געעפענט און זיינען געבליבען שטעהן פאַר דעם אָפענעם קאַסטען.

צוערשט איז געלעגען פון אויבען־אויף אַן אַלט־מאָדיש שטיקעל בהאָקאַט, וואָס האָט פאַרדעקט דעם אינהאַלט פון קאַסטען. חיים׳שע האָט פאַרזיכטיג אָנגענומען מיט דער האַנד דאָס שטיקעל בראָקאַט, און עס האָבען זיך געלאָזט הערען שטימען: ניט ריהרען, ניט ריהרען!

און פּופּצעהן קעפּ האָבען זיך אַריבערגעבויגען איבער דעם אָפענעם קאַסטען.

— זאַכט, זאַכט, — האָט ווער פון דער משפחה געוואָרענט.

חיים׳שע האָט אַוועקגערוקט דאָס זיידענע שטיקעל בראָקאַט, און אַ פייכטע דומפּקייט פון אַלטקייט און פרוכנע האָט זיך געלאָזט הערען פון קאַסטען.

— צוערשט די צוואה לעזען; די צוואה! — האָבען קולות געשריען.

באַלד האָט חיים׳שע געפונען די צוואה ליעגען פון אויבען־אויף. אויף אַ גרויסען בויגען פּאַפּיער איז געווען אָנגעשריבען מיט אַ ווייבערשע, אונזיכערע שריפט אַ לאַנגע מגילה.

— לעזען! לעזען! — האָבען זיך שטימען געהערט.

„צו אַלע מיינע קינדערלעך און אייניקלעך, וואָס שטעהען אַרום מיין בעט, טהו איך זיך ווענדען, איך, די דיענסט־מויד חיה־לאה בת יענטע, מיט אַן אויפריכטיג געבעט צום האַר פון דער וועלט...

— ווייטער, ווייטער! — האָבען זיך געלאָזט הערען אונגעדולדיגע



שטימען.

חיים׳שע האָט איבערגעהיפּט און אַנגעהויבען פון אַ נייער שורה:

„איך טהו בעטען גאָט, אַז ער זאָל אַריינגעבען אין אייערע הערצער דעם גייסט פון שלום, אַז איהר זאָלט אַלע לעבען בשלום ובמנוחה. אַזוי ווי איך האָב געזאָרגט איבער אייך, מיינע קינדערלעך, און קיינעם ניט פאַרזעהן, אַזוי זאָל דער האַר פון דער וועלט זאָרגען איבער אייך.

— ווייטער, ווייטער! — האָבען די שטימען שוין העכער געשריען.

חיים׳שע האָט ווידער איבערגעהיפּט און אָנגעהויבען:

„איך טייל איין צווישען אייך מיין ביסעל אָרימקייט, סיי די, וואָס איך האָב געקראָגען בירושה פון מיינע עלטערען, און סיי די וואָס איך האָב מיר אַליין עהרליך ערוואָרבען מיט מיין שווערע אַרבייט — יעדען פון אייך אַ חלק, אַזוי ווי איך טהו דאָ אויסרעכענען.

— שווייגען! שווייגען! — האָבען שטימען גערופען.

נאָר דאָ איז חיים׳שע געבליבען שטעהן אין מיטען. עס האָט איהם אָנגעהויבען אין די אויגען צו שווינדלען. ער האָט גענומען ווייטער לעזען, נאָר ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער לעזט.

— גיט אַהער! גיט אַהער! איך וועל לעזען! — האָט גענומען פון איהם די צוואה אַן עלטערער איד, אַ משפחה, וואָס איז געווען אַ למדן.

ביי אַלעמען זיינען די הערצער געוואָרען פאַרכאַפּט.

„... דעם ביינערנעם צאָהן פון העלפאַנט, וואָס איז אַ רפואה פאַר קינדערצייהנדלעך, לאָז איך איבער מיין עלטסט אייניקעל גיטע־יענטע, אַז זי זאָל עס באַנוצען געזונטערהייט פאַר איהרע קינדערלעך, אם ירצה השם.

— ווייטער, ווייטער! — זיינען די קולות געוואָרען אונגעדולדיג.

„דעם ספר עזריאל, וואָס איז אַ רפואה פאַר געווינערינס, אַז זיי זאָלען לייכט געבוירען, לאָז איך איבער מיין טאָכטער מרת פּעריל, אַז זי זאָל די זכיה האָבען...

— וויטער, ווייטער! — האָבען שוין אַלע געשריען.

— „די קמיעה, וואָס איך האָב געקראָגען בירושה, פון מיין מאַמען, עליה השלום, וואָס איז זעהר גוט אָפּצושפּרעכען אַן עין הרע, לאָז איך איבער מיין זוהן.

די משפחה איז געוואָרן אונגעדולדיג און געוואָרפען זיך אויפ׳ן קאַסטען. דער קאַסטען איז געווען פול מיט קמיעות, רפואות, וואַסער־פלעשלעך, העלפאַנט־ צייהנער, אַלטע קוויטלעך און נאָך אַזעלכע זאַכען.

די משפחה איז צוריק אַריינגעקומען אין דער צווייטער שטוב, וואו די טויטע איז געלעגען. אויף דער טויטער׳ס פּנים איז געווען אויסגעגאָסען יענער אונשולדיגער, קינדיש־אונבאַהאָלפענער שמייכעלע, וועלכער איז פאַרגליווערט געוואָרען צוזאַמען מיט די אַלטע איינגעדאַרטע הויט פון פּנים. און זיי האָבען ניט געוואוסט, צי די טויטע לאַכט אויס זיי, צי זי בעט, ווי אַ הילפלאָז קינד, זייט מוחל...

## מ. סאנדערס

# שלום אש, ז״ל

וועגן שלום אשס „תורה שבכתב״ האָט מען שוין אסך געשריבן, און מען וועט נאָך אסך שרייבן. אָבער עס האָט אויך עקזיסטירט אַ שלום אשס „תורה שבעל פה״, וואָס נישט יעדער איינער האָט געהאָט די זכיה צו באקענען זיך מיט איר; בלויז יחידי סגולה, וואָס זענען געשטאנען נאנט צו אים במשך אט די לאנגע יאָרן ווען ער איז געווען די דאמינירנדיקע פערזענלעכקייט אין דער יידישער ליטעראטור. וועגן זיין „תורה שבעל פה״ האָף איך נאָך, אויב איך וועל האָבן די מעגלעכקייט, צו שרייבן זער פיל.

אין די לעצטע צען יאָר נאָך דער מלחמה איז עס געווען מיין כבוד צו זיין מיט ר׳שלומען — אט אזוי פלעג איך אים רופן — זער אפט, כמעט יעדע פאר טעג. ניין, ר׳שלום איז נישט געווען אַזאַ מענטש, וועמעס פריינטשאפט מ׳קען לייכט באקומען. נאָר וויבאלד ער האָט געהאָט צוטרוי צו איינעם, פלעגט ער ווערן צוגעבונדן צו אים בלב ונפש.

ארומגייענדיק אין זיין גרויסן צימער — ער האָט תמיד אַלץ ליב געהאָט גרויס — פלעגט ער אויספאַקן אסך פון זיינע רייכע זכרונות. איז ער דאָך מער ווי פופציק יאָר געווען דער גבור פון דער יידישער ליטעראטור, באקאנט כמעט מיט אלע גרויסע פערזענלעכקייטן פון אט דער ליטעראטור, סאַי די וואָס האָבן געשריבן אויף יידיש סאַי די וואָס האָבן געשריבן אויף העברעאיש; אויך מיט פיל גוישע שרייבער איז ער געווען פערזענלעך באקאנט.

אשס האָפנונג איז געווען, אז נאָך זיין לעצט בוך איבער די אבות זיך צו נעמען שרייבן זיינע זכרונות. בשעת אבער אונזערע שמועסן האָב איך אסך ארויסבאקומען פון אים. וואָס שייך זיינע יוגנט יאָרן, קען מען אים געפינען אין זיין „דאָס שטעטל״, „ר׳שלמה נגיד״ און אויך אין „די דריי שטעט״; בפרט אין „ווארשע״.

„אט דער בית־מדרש בחור מיטן לאנגן קאפטן, וועמען מען באגעגנט אין הויז פון לערער האראוויץ — דאָס בין איך. אויך אין דער פאמיליע האראוויץ מיט די אלע קינדער — האָב איך פאראייביקט מיין פרויס פאמיליע. — משה שפירה — אַ ווארשעווער ייד אַ משכיל, וועלכער האָט אויך איבערזעצט מיין „ר׳שלמה נגיד״ און נאָך אנדערע קורצע דערציילונגען אויף העברעאיש״.

וויאזוי ער איז געקומען קיין ווארשע און זיך גענומען צום שרייבן, האָט ער מיר דאָס פאלגנדיקע דערציילט: דער פאטער „ר׳משה גאמבינער״ האָט אים געשיקט לערנען אין דער ישיבה פון רבי יהודה ליב קאוואלסקי אין וורצלאַוועק. דער רב קאוואלסקי אליין איז געווען פון די גרויסע לומדים אין זיין צייט, זייענדיק אויך איינער פון די גרינדער פון „מזרחי״; וואָס דערפאר האָבן אים די אנדערע פוילישע רבנים גערודפט.

שלום אש האָט פלייסיק געלערנט צוזאמען מיט די אנדערע יונגע בחורים אַ געוויסע צייט. איינמאָל קומען צו אים צוויי יידן מיט לאנגע בערד און הייבן אָן שמועסן מיט אים אין לערנען. מ׳פרעגט אים פארשיידענע קשיות און אזוי



ווייטער. אַ פאר טעג שפעטער קומען די זעלביקע יידן ווידער — און מען רופט אים צום רב און מ׳רעדט אים שוין אַ שידוך... אבער „איך האָב נאָך נישט בדעה געהאט חתונה צו האָבן, און כדי זיך ארויסצודרייען פון זייערע הענט, בין איך אנטלאפן קיין ווארשע, וואו איך האָב גוט געהונגערט ביז איך האָב אנגעהויבן באקומען אַ פאר גראשן פאר מיין שרייבעריי״.

ר׳שלום איז געווען אַ פערזאן, איבער וועלכער ס׳זענען פארגעקומען חלוקי־דעות אין יידישן לעבן, בפרט אין די לעצטע יאָרן. פיל עגמת־נפש האָט ער געהאָט פון די אטאקעס קעגן אים. „איך האָב דאָך פאראייביקט דאָס פויליש־יידישע לעבן אין מיינע ביכער״, פלעגט ער טענהן, „אין ‚קידוש־השם׳, אין ‚תהלים־ייד׳ און אין אנדערע״.

ווען ער האָט געהאלטן אין שרייבן דעם „תהלים־ייד״, איז ער ארומגעפארן איבער אט יענע יידישע שטעט און שטעטלעך, זוכנדיק לעבעדיקן מאטעריאל ביי אלטע חסידים, וואָס האָבן נאָך גוט געדענקט דעם צדיק פון גאסטינין.

איך האָב אים אויפמערקזאם געמאכט, אז אין חסידישן ספר „שיח שרפי קודש״ געפינט זיך אסך מאטעריאל בנוגע דער קאצקער דינאסטיע פון רביים. גלייך האָט ער ארויסגעזוכט פון זיין ספרים־שאנק אט דאָס דאזיקע ספר, עס מיר געגעבן אין דער האנט אריין, זאגנדיק, „וואָס מיינסטו, איך ווארף ארויס ביכער פון ארבל? איך האָב דאָס ספר גוט אדורכגעקנעטן און אדורגעזיפט״.

דעם „תהלים־ייד״ האָט ער געהאלטן פאר זיין בעסט בוך, וואָס דערפאר טאקע האט ער עס געווידמעט זיין פרוי — מאטילדא אש.

יעדעס איינע פון זיינע ביכער איז פול מיט רייכן מאטעריאל פון לעבן און פון דער געשיכטע. איידער ער פלעגט זיך אנידערזעצן שרייבן, האָט ער קודם כל גרינטלעך אדורכגעלייענט די ליטעראטור פון יענעם פעריאד. אזוי איז עס אויך געווען דער פאל מיט זיין לעצט בוך, „דער נביא״. שעהנלאנג האָב איך פארבראכט מיט אים אין בריטישן מוזעאום, שפאצירנדיק איבער די גרויסע זאאלן מיט די אויסשטעלונגען פון אשור און בבל, כדי ער זאָל איינזאפן אין זיך די עכטע אטמאָספערע פאר אט דעם בוך זיינעם.

לייענענדיק די ערשטע קאפיטלעך פון „דער נביא״, ווערט מען באלד אריינגעפירט אין דער עפאכע פון בלשצר און דניאל מיט אלע איינצלהייטן.

ר׳שלום איז געווען אַ גרויסער ליבהאבער פון יידישער קונסט און ליטע־ראטור; אן אמתער חובב־ספר. בפרט האָט ער זער ליב געהאט די אלטע ספרים פון די ערשטע פוילישע דרוקן — קראקא און לובלין. האָט ער אמאָל דערזעען אן אלט ספר, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאָט, האָט ער נישט גערוט ביז דאָס ספר איז געווען אין זיין באזיץ. ער האָט עס פשוט געמוזט האָבן!

עס איז אוועקגעגאנגען נישט בלויז דער מאהיקאן פון דער יידישער ליטעראטור — יידישע שרייבער וועלן נישט פעלן — נאָר אויך אַ גרויסער ייד, וועלכער וועט נאָך זיכער באקומען זיין ריכטיק־געהעריקע אפשאצונג אין דער צוקונפט, ווען מען וועט אים אנאליזירן זיין יעדע זאך פון אַ ריכטיקער פערספעקטיוו.

**משה עובד**

## שלום אש

ס׳איז געווען אין אַ מאָנטאָג פרי אין מערץ 1922. עפענט זיך איינע פון די צוויי טירן פון „קעמיאַ קאָרנער״ גרויס ווי זי איז, און ס׳שטייט פאַר מיינע אַרויפקוקענדיק אויגן אַ הויכער, לאַנג־ברייט־ביינערדיקער מענש מיט גרויסע, וואַרעמע אויגן, אונטערגעהייצטביים פייערדיקן אויג פון אַ ציגאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן די ליפן. די אויבערשטע ליפ האָט געהאָט האָר מיט אַ שרינטל, דאָרט ווו דער מלאך האָט אַ שנעל געגעבן. די אונטערשטע ליפ און גאָמבע — גאָלע ליידיק.

כ׳קוק אים אָן און ס׳בלייבט ביי מיר, אַז ער איז אַ רייכער פויליש־יידיש־דייטשער תבואה סוחר, און וויל עפעס קויפן ביי מיר אַ פרעזענט.

ער האָט אוודאי פארשטאנען מיינע געדאנקן. האָט ער זיך פאר מיר פאָרגעשטעלט ; — איך בין לאַש.

„לאַש ? לאַש ? — טראַכט איך מיר — ווער קען דאָס זיין ? נאָר אַזוי ווי איך האָב דאָ אַ האַרציקן פריינד מיט׳ן נאָמן לאַש, האָב איך אין זכות פון מיין פריינד צו דעם פרעמדן געשמייכלט.

אָבער באלד האָב איך איינגעזען, אַז כ׳האָב על פי טעות אַן איבעריקן „למד״ געהערט ; אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי אַש, דער גרויסער געניאַלער ליריקער אונזערער — שלום אַש.

נאָך פינף מינוט האָבן מיר שוין געהאלטן ווייט ווייט אין געשפרעך, באַקאַנטשאַפט און נשמה פאַרוואַנדשאַפט (מיר קומען פון איין געגענד — די קויאַוועקעס), און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו טון טובות און געבן מתנות איינער דעם צווייטן, און פשוט זיך ליב געקראָגן. ער האָט אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אַן אָריענטאַלער פרינץ אין מיינע אויגן. איך אין זיינע אויגן — אוודאי ווי אַ שוואָגער זיינער פון קוטנאָ, נאָך וועלכן ער בענקט גראד אַביסל. בקיצור — מיר האָבן זיך אָנגעהויבן באַוואַרפן מיט פרעזענטן. איך האָב אים געגעבן אַן אַנטיק העבראַאישע קמיע וואָס מיין הויך־געלערנטער פריינד דער חכם דר. גאַסטער האָט גע׳חלש׳ט ממש אַז איך זאָל זי אים געבן אָדער פאַרקויפן, און איך האָב אים פאַרזיכערט : „ניין, מיט דער קמיע שייד איך זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט״. ער האָט מיר געגעבן אַן אַלטן, זילבערנעם וויקלער פון אַ ספר תורה און איך אים ווידער — בערנשטיינענע פאַטשערקעס. ער מיר ווידער — אַ לוקסוס אויסגאַבע פון זיינע צוועלף בענדער, וועלכע ער האָט געפיהרט אַזש פון אַמעריקאַ פאַר בעל־מחשבות׳ן, און איך ווייטער — דאָס זיסע אידישע וואָרט „פאַמיאַנטקעס״, וואָס ער האָט ניט געהערט אין אַמעריקאַ גאַנצע אַכט יאָר.

און אַזוי דריי וואָכן איז ער יעדן טאָג ביי מיר געזעסן לאַנגע שעה׳ן אין געשעפט און מיר האָבן זיך געגעבן און געריבט די נשמות איינער פון צווייטן.

ער פלעגט זאָגן אויפ׳ן געשעפט : „ווי שטעלט אַ איד אַוועק אַ תהילימ׳ל אין מיט׳ן גאַס ?״ איבערהויפט פלעגט ער אָנקוקן מיט גרויס קנאה — מ׳האָט געקענט הערן ווי ער שלינגט די קנאה־סלינע — ווי ס׳קומען אַריין יעדע מינוט



אַזעלכע שיינע ברונעטקעס און בלאָנדינקעס און ברענגען מיט די אָפענהערציגקייט פון זייערע דעקאָלטירטע בלוזעס און די בלויע סאַפיר־אויגן, פאַר וועלכע ער פלעגט חלש׳ן און זיך ניט לאָזן דערמונטערן. „אַ איד האָט הצלחה״ — האָט ער נעבאַך אָפּגעזיפצט, אַז ס׳האָט אַזש געשניטן ביים קראַגן.

אָבער גאָט פון אברהם ! ער האָט אָפט אַ טבע געהאַט זיך אַזוי צו פּטעשטשן, אַז מ׳קען עס אין צען אויטאָביאָגראַפיעס ניט דערציילן. אסור אַ קימפּעטאָרין ! ס׳איז חושד צו זיין, אַז אוודאי האָט ער געהערט, ווי מענדעלע, פרץ און שלום עליכם זיינען געשטאָרבן און ער איז איבערגעבליבן אַ בן־יחיד ביי אַ צעפּעשטשעט בן־יחיד פאָלק. אַזוי זיך נאָכצוגעבן די שמד ! הערט אויס אַ געשיכטע : דעם זעלבן מאָנטאָג זאָגט ער צו מיר, אַז אים געפעלט ניט דער ‚אימפּיריאַל״ האָטל. גייט מיט אים מיין ברודער לעאָן און זיי דינגען אַ שיינעם חדר אין אַ פּאַנסיאָן. לייגט ער זיך אויף דעם בעט מיט די „אַטשעסקעס״, גרויס ווי אַ „טאַנאָט״, מעסט זיך אויס, ווי אין סדום, און שרייט אויס : „איך קען דאָ ניט שלאָפן ! איך וועל דערשטיקט ווערן !״ באַצאָלט פאַר אַ ניט געשלאָפענע נאַכט און פאַרלאָזט. אויף אַ צווייטן פּאַנסיאָן — די זעלבע געשיכטע. ענדלעך געהט ער צוריק צום „אימפּעריאַל״. צומאָרגנס בייט ער דעם חדר אויף אַ גרעסערן. אויף איבערמאָרגן ציט ער זיך אַריין אין „ראַססעל האָטעל״ — איינער פון די רייכסטע אין לאָנדאָן. דאָרט גופא האָט ער זיך צוויי מאָל איבערגעצויגן און יעדעס מאָל מיט׳ן גאַנצן באַגאַזש און דערביי „געפונדיעט״ רעכטס און לינקס די אַלע, וואָס האָבן אים באַדינט אָדער געקאָנט באַדינען, ווי להבדיל אַ מיליאָנער פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט״, צו וועלכן ער האָט אומגליקליכערווייזע באַלאַנגט. אויפ׳ן זעקסטן טאָג זאָגט ער צו מיר, אַז ער קען ניט איינשטיין אין „ראַססעל״. ס׳איז אים דאָרט ענג. ער וויל האָטעל „סעסיל״. שריי איך : „וואָס רעדט איהר האָטעל סעסיל ? בלויז רייכע מיליאָנערן, עקס־מלכים און פּרעזידענטן שטייען דאָרט איין !״ זאָגט ער : „איך מוז עס טהון צוליב מיין אַרבייט״. אַהין מיט אים און דאָרט געדונגען אַ חדר. אויך דאָרט האָט ער זיך איבערגעצויגן אין אַ נאָך גרעסערן חדר, וואָס ווער ווייסט וויפיל קעניגן מיט פּרינצעסעלאַך צופּיסנס זיינען שוין דאָרט געשלאָפן ! אויב, שטעלט אייך פאָר, דאָרט אין שטוב וואָלט שטויב געווען, וואָלט עס ווערט געווען טויזנטער אין גאָלד און אין פּלאַטינום שמעלץ ! די ביליקסטע פּוטערלאַך, וואָס די מייז טראָגן דאָרט, קאָסטן פינף הונדערט פונט אַ שטיק, און ווער רעדט נאָך פון די קעץ . . . אַ קלייניגקייט האָטעל סעסיל !

איך מוז זיך מודה זיין, אַז אַזוי ווי איך האָב זיך מיט אים אַ סך אַרומגעשלעפּט, האָט מיך זיין „הולטייסטוואָ״ באַאיינפלוסט. האָב איך אָנגעהויבן צו וואַרפן מיט געלט רעכטס און לינקס, און צו דרייען ס׳קעפּעל מולטי־מיליאָנעריש. אַז אַן אָרעמער אידישער שרייבער מעג, מעג איך דאָך אוודאי !

ביז ס׳האָט געפירט דערצו, אַז ווען מ׳האָט מיר צו יענער צייט אַריינגעבראַכט אַ געוואַלדיק גרויסן בריליאַנט פון 65 קאַראַט, האָט זיך מיר ניט געפּאַסט אונטערצוגעבן דעם דלות און אים ניט קויפן, נאָר איך האָב אים יאָ געקויפט,

ס׳געלט איז צוזאַמענגעשלעפּט געוואָרן פון די אויסגעטריקענסטע קוואַלן, צושמאָלצן הונדערטער גאָלדענע מיאוסע און האַלב מיאוסע אַרטיקלען און געקויפט דעם בריליאַנט.

איך האָב דעם בריליאַנט דערנאָך שרעקלאַך ליב באַקומען. ער האָט מיך געוואַרעמט און געקושט און געגלעט אין דער איינזאַמער צייט, ווען גאָטס גייסט האָט אויף מיר ניט גערוט.

איך האָב אויסגעפונען אין בריטישן מוזעאום, דורך דער הילף פון גרויסן מינעראַלאָג, מיין פריינד דר. ספּענסער, אַז ס׳איז אַ היסטאָרישער בריליאַנט. ער האָט אַמאָל באַלאַנגט צו אַ טערקישן סולטאַן, צו אַ פּערסישן שאַך און צו אַ צאַר פון רוסלאַנד, טאַקי דער היסטאָרישער „טענאַנט״ בריליאַנט בכבודו ובעצמו.

נאָר באַלאַנגט האָט ער צו מיר. מיר האָבן זיך באמת ליב געהאַט. פאַר מיר איז ער געווען דאָס בריליאַנטענע אויג פון׳ם עגל הזהב, ווען גאָט האָט זיך ניט באַוויזן.

נאָך קנאַפּע צוויי יאָר — אים הייליק פאַרקויפט אין אַ ווייטער מדינה אַריין, פאַרדינט איבער הונדערט פונט אין אים. אַלץ איבער׳ן הולטיי !

איך מוז אָבער צוגעבן, אַז ניט די גאַנצע צייט איז צווישן אַש׳ן און מיר צוגעגאַנגען אַלץ אַזוי בריליאַנטיש שאַרף און גלאַטיק.

איינמאָל האָט אַזאַ געשיכטע פּאַסירט : שפּאַצירענדיק ביינאַכט מיט אים זער אויפגעלייגט און פרעלאַך נעבן דער טעמזע, דערציילט ער מיר, אַז אַ שניידער מאַכט איהם אַ פיינעם אנצוג ביליק, ווייל דער שניידער לייענט פונקט זיין „מערי״.

פרעג איך אים : איר האָט געשריבן אַ בוך, וואָס הייסט „מערי״ ?

זאָגט ער : ניט געלעזן „מערי״ ?

און ווערט פלוצלינג ברוגז מיט מיר, און מיר געען ביידע אַ לאַנגע שטרעקע אַנגעבלאָזן מיט ברוגז׳קייט, ווי מאַן און ווייב, און מיר רעדן ניט אויס קיין לעבעדיק וואָרט. ער איז ברוגז, בין איך אויך ברוגז.

איך האָב אים פאַרלאָזט מיט אַ פאַרווייטאָגטען, שטילן „גוד נייט״ און אַ קוים אָנרירענדיקן האַנד־שטרעק. ביז היינטיקן טאָג טוט מיר די האַנד ווי פון׳ם לייכטן אָנריר.

צומאָרגנס האָט מען זיך איבערגעבעטן און זיך פאָטאָגראַפירט צוזאַמען. ער איז געפאָרן קיין פוילן און איך האָב אים מיטגעגעבן אַביסל געלד און אַ סך גרוסן פאַר מיינע עלטערן.

יאָ, עיקר שכחתי. צו יענער צייט איז מיר געווען גוט און אָריגינעל אויפ׳ן האַרצן. ס׳האָט נאָר געפעלט מיט וואָס צו קאָקעטירן. האָב איך זיך געקויפט אַ גרויסן, שוואַרצן קאַפּעליוש מיט אַ ברייטן באַנד און אַ קופאַל ווי אַ רוסישע צערקווע. כ׳האָב אויסגעזען אין דעם ווי אַ געבוירענער דאָקטאָר פילאָזאָף, און אים אַ נאָמען געגעבן „דער שלום אַש קאַפּעליוש״. פון מיין יוגענד חלום צו ווערן אַ דאָקטאָר פילאָזאָף האָט זיך אויסגעלאָזט אַ קאַפּעליוש מיט אַ בוידעם.



א. מייזעלס

## יידיש טעאַטער אין אלטן עסטרייך

(דריטע פאַרטזעצונג)

עס איז גאָר ניט קיין וואונדער וואָס עס האָט אלעמען געצויגן צום טעאַטער, עס איז שטענדיק געווען „הוליע קבצן״. עס איז ניט געווען דער ווילן פאַר ערנסטקייט. מען האָט בלויז געזוכט שפּיצעלעך אָפּצוטון, כדי מען זאָל לאַכן און דער קרבן איז שטענדיק געווען איינער פון די „טעאַטער פּאַטריאָטן״. אזוי האָט מען אמאָל אָנגעטון איינעם מיט אַ זעלנערישן ראָק, געגעבן אים אַ ביקס און אַ גאַנצן אָוונט איז ער ארום מאַרשירט אונטער דער בינע און געהיטן דאָס געהילץ פון „הערצעלע מיוחס״ און יעדעס מאָל נאָכן אויפטריט פון הערצעלע מיוחס, איז ער צון אים צו געגאַנגען פרעגן אויב אלץ איז אין אָרדנונג . . .

זער אָפט האָט דער רעזשיסאָר נאָך דער פאָרשטעלונג באַקאַנט געגעבן, אז מאָרגן צען אין דער פרי, זאָלן אלע אַקטיאָרן קומען אין צייט, ווייל מען וועט פאָרליינען אַ נייע פּיעסע און ליינען די פּיעסע וועט דער מחבר אליין. פונקטליך צען אזייגער, האָבן זיך אלע אַקטיאָרן אויסגעזעצט אויף דער בינע און ווען דער מחבר האָט אָנגעהויבן צו ליינען ,האָט קאַליש באלד איבער געשלאָגן און געזאָגט „מיינע הערן, די פּיעסע ווייס איך איז אַ גוטע, פאַר וואָסזשע זאָלט איר ניט אָנטון די צילינדער הוטן ? „און אלע האָבן זיך אָנגעטון צילינדערס און באלד דאַרויף, האָבן זיך צוויי אַקטיאָרן צוקריגט, באשר אז דער צילינדער וועלכער דער אנדערער טראָגט, איז גאָר זיינער און פון ווערטער איז מען אריבער צו געשלעג און תמיד האָט מען אויסגעמאָסטן, אז די צדדים זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן פון מחבר און ווען דער געשלעג האָט אויס געבראָכן, האָבן זיך באלד אלע אַקטיאָרן אריין געוואָרפן, כדי זיי צו צו שיידן און דאַביי האָט דער מחבר אויס געכאַפּט אלע פּעטש . . . אָט אזא מין געשלעג איז אינסצענירט געוואָרן ווען אַ שוסטער פון „זשאָלקעווער שראַנקן״, איז געקומען ליינען זיין פּיעסע און ווען ער האָט איבער געליינט די פּערזאָנען, גענומען באשרייבן ווי אזוי די בינע דאַרף אויסזען און געזאָגט — די בינע ווערט באלויכטן מיט פינסטערניש, דאַמאלס האָט זיך אָנגעהויבן די רעכטע סומאַטאָכע . . .

עס האָט אויך געטראָפן, אז ווען אַזאַ סאָרט מחבר, האָט אָפּגעליינט אַ סצענע, האָט יואל דער בינען מייסטער געטון אַ געשריי — גוטמאַן צום טעלעפאָן און טאקע באלד האָט גוטמאַן געשריגן — קאַליש צום טעלעפאָן און אזוי זיינען איינציקווייז אַלע אַקטיאָרן פאַרשווינדן, געבליבן איז בלויז דאָס הינטעלע פון כאַרקטער קאָמיקער סעם שילינג, וועלכעס פלעגט זיצן ביי יעדער פּראָבע אזוי לאַנג ביז שילינג האָט דאָס אוועק גערופן. אָט פון אַזאַ סאָרט פאָרליינען פון אַ פּיעסע, האָב איך אמאָל אָפּגעראַטעוועט דעם דראַמאַטורג און שרייבער בנימין רעסלער, וועלכער איז מיינער אַ בן עיר. ער איז דאַמאָלס דורכגעפאָרן לעמבערג און ער האָט געוואָלט אויף פירן זיינע אַ פּיעסע, אויב איך מאַך ניט קיין טעות איז די פּיעסע געווען „די גאָלדענע רויזע״, דאָס איז אַ לעגענדאַריש

העראַאישע פרוי, איבער וועלכער סאיז פאראַן אַ גרויסע ליטעראטור. זי ליגט אין לעמבערג אויפן אלטן בית עולם אין דער שפּיטאַל גאַס און ווען ס׳איז געווען אַ צרה אין אַ יידיש הויז אין לעמבערג, זיינען די ווייבער געגאַנגען אויף איר קבר בעטן רחמים. אויך גאַנץ ראש חודש אלול, האָבן פרומע ווייבער זיך אויסגעוויינט אויף איר קבר. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן פון מאָריס שוואַרץ.

בשעת מיין זיין אין לעמבערגער טעאטער, האָט אַ יונגערמאַן פאַרהאַנדעלט מיט יודל גוטמאַן, אַז ער זאָל אים לאָזן אויפטרעטן אין דער אָפּער „שמשון הגבור". די מוזיק צו דער אָפּער האָט געשריבן דער לעמבערגער חזן האַלפּערן און מען האָט אים דערפאַר „מעביר תיבה" געווען, אָפּגעזאָגט פון חזנות. אָט דער יונגערמאַן וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ פרומער יוחס׳דיקער משפּחה אין לעמבערג און געטראָגן אַ בערדל, האָט געוואָלט ברעכן מיט די עלטערן אַלץ צוליב דעם אַרויסטריט. ער האָט אויס געקליבן אָט די אָפּער, ווייל די מוזיק איז געווען זער גוט און צווייטענס האָט ער צו דער ראָלע שמשון, זיך ניט באַדאַרפט אָפּשערן די באָרד. מען האָט געוואוסט, אַז ער האָט אַ שטימע און מען האָט אויף אַ טאָג באַשטעלט אַ פּראָבע און ווען ער האָט אָפּגעזונגען די ערשטע אַריע, זיינען מיר אַלע געבליבן אָן לשון, אַזאַ שטימע טרעפט מען זעלטן. אָבער צון אַ אויפטריט איז עס ניט געקומען די עלטערן האָבן אויס געפועלט ביי דער דירעקציע, אַז מען זאָל זיי דאָס פּנים ניט פאַרשוואַרצן. דער יונגערמאַן איז באַלד אוועק אין ווין און געוואָרן דער אָבערקאַנטאָר אין אַ גרויסן טעמפּל און טאַקע באַלד נאָך אַ קורץ שטיקל צייט, האָט מען אים אַריבער קענומען קיין זיד אַפריקאַ.

מיין בעסטער חבר אין לעמבערג איז געווען יודל גוטמאַן. איך האָב אים ליב געהאַט פאַר זיין קונסט און אויך דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ בן תורה. ווען אַן אַקטיאָר האָט איבערגעדרייט אַ העברעאישע פראַזע, האָט ער באַלד געשריגן, עם־אַרץ וואָס זוכסטו ביים יידישן טעאטער. ער האָט געהאַט אַ גאַנצע זאַמלונג פון גראָב־יונגישע גרייזן, וועלכע אַקטיאָרן האָבן געזאָגט אויף דער בינע.

מען האָט אַמאָל געשפּילט אַ פּיעסע „פּלטיאל מגיד", דאַרף דער מגיד לערנען אַ שטיקל גמרא — „פרעגט דער „מקשן" אַ קשיה, במאי קמפלגא ? ר׳ אליעזר סבר, א.א.וו. איז נאָכדעם ווי דער אַקטיאָר האָט זיך אויס געשריבן דאָס העברעאישע מיט לאַטיינישע אותיות, האָט זיך דער אַקטיאָר צו לאָזט מיטן גמרא נגון — פרעגט דער עקשן אַ קשיה. רופט זיך אָן גוטמאַן — מזאָגט ניט עקשן נאָר מקשן ! דאַרויף ענטווערט אים דער אַקטיאָר — דו ווּעסט מיר דערציילן ? אַן עקשן פרעגט קשיות . . .

אַ גאָר אינטערעסאַנטן עפּיזאָד האָט מיר גוטמאַן איבערגעבן. אין גאַליציע איז געווען אַן אַלטער אַקטיאָר ספּיוואַקאָווסקי, ער איז ניט נאָר געווען אַ גראָבער יונג אַרויס צו זאָגן אַ לשון קודש וואָרט, נאָר פּשוט יידיש האָט ער פאַרדרייט די ווערטער. אַזוי האָט ער ביי דער פּיעסע „שבת קודש", באַדאַרפט



זאָגן — ווער האָט געשאַפן האַנדל און אינדוסטרי, איז ביי אים אויס געקומען — ווער האָט געשאַפן האַנדעל אין סטרי. ווען מען האָט אים אויס געבעסערט רופט ער זיך אָפּ — איר גייט מיך לערנען ? איר האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס טעאַטער הייסט, ווען איך האָב געשפּילט אין דער שטאָדט סטרי . . .

פון דעם זעלביקן ספּיוואַקאָווסקי דערציילט מען, אַז אין יאָר 1909 אָדער 1910, ווען שלום אש׳ס דראַמאַ „גאָט פון־נקמה", איז אויפגעפירט געוואָרן און אַלע גרעסערע טעאַטער טרופּעס און די טעאַטערס האָבן געצויגן דעם עולם אין טעאַטער אַריין מיט שלום אש׳ס דראַמאַ. האָט ספּיוואַקאָווסקי באַקומען די ראָל פון דעם יידל ר׳אלי, וועלכער ברענגט דעם סופר צו יענקל שאַפּשאָוויטש אין הויז אַריין ביי דער סצענע ווי דער סופר פרעגט ווער דער דאָזיקער ייד איז, זאָגט ר׳ אלי, — אַ ייד, אַז אַ ייד וויל זיין אַ חוזר בתשובה, דאַרף מען אים מקרב זיין בשלימות. די אַקטיאָרן וועלכע האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט צו שלום אש׳ס ווערק און האָבן אויפגעפּאַסט, אַז מען זאָל דאָסמאָל ניט ריידן פּראָזאַ פון אַרבל, האָבן די ראָלן אויס געלערנט פון אויסענווייניק און ביי דער ערשטער פּראָבע, האָבן זיי געקאָנט זייער ראָל פון אָנהויב ביזן סוף. ווען ס׳איז געקומען צו דער סצענע צווישן ר׳ אלי, דער סופר און יענקל שאַפּשאָוויטש, טוט זיך ספּיוואַקאָווסקי אַ זאָג לאַמר, אַזוי צו זאָגן — אַ ייד : אַ ייד וואָס וויל זיין אַ חזיר בת־שבע, דאַרף מען אים מקריב זיין פאַר שולמית . . .

עס איז אמת, אַז דער יידישער טעאַטער האָט געהאַט מאַנכע גאָר גרויסע קינסטלער. ער האָט אָבער אויך געהאַט גאָר גרויסע עמי הארצים און ווען עס איז געקומען צון אַ לשון קודש וואָרט, פלעגן זיי זאָגן צום סופליאָר — שנייד מיר אויס דאָס טערקישע און דאָס האָט אויך פיל בייגעטראָגן צום נידריקן מצב פונם יידישן טעאַטער.

(המשך קומט)

## בראַנטש 3, פרויען-סעקציע,ביים אַרבעטער-רינג

מיר שליסן זיך אָן אין דעם גרויסן טרויער נאָכן פאַרלוסט, וואָס דאָס וועלט־יידנטום האָט איצט געליטן אין שייכות מיטן טויט פון וועלט־באַרימטן, גרויסן שרייבער, שלום אש.

מיר אַלע, פרויען און מוטערס, האָבן זיך תמיד געפילט דערהויבן דורך דעם גרויסן נפטרס פרויען־טיפּן, איבערהויפּט וואו ער באַשיינט און פאַרהערלעכט אין זיינע ווערק די צניעות און דעם בטחון פון דער יידישער מאַמע, ווי למשל אין „די מוטער", וואָס אין איר נויט ווענדט זיך צו אירע טעפּ, וועלכע דינען איר תמיד מיט זייער איינגעזאַפּטער פעטקייט, העלפנדיק איר זאַט צו מאַכן די משפּחה.

די פרויען און מאַמעס אין זיינע שאַפונגען האָבן אונז כסדר דערהויבן און געלייטערט אונזערע נשמות.

אַ דאַנק אייך, שלום אש, פאַר אַט דעם אַלעם ! רוט אין פרידן !

אין נאָמען פון דער אויבנדערמאַנטער אָרגאַניזאַציע, רחל מירסקי

א. נ. שטענצל

## שוואלב-סימפאניע אין בלא

פאַר מיין פענסטער דאָס ריטשקעלע־גריבל,
ווו די שוואַלבן קומען זיך באָדן אין דער פרי ;
און אין דער מיטאָג־שעה־גלי, צו כאַפּן אַ טראָפּ,
לאָזן זיי זיך אַראָפּ אין מיטן הייסן פלי.

פאַרנאַכט טרעף איך דאָ אַ שוועלבל־גזעמל,
אַ כלהלעכל מסתם צו טבילה ווערט געפירט ;
אויבן איבער זיי דאָס געשמיצער־געטשוויצער,
דעם „דאָברי דזשען" די קאַפּעליע מוזיצירט.

אויב „חתונות" ווערן געפּראַוועט אויבן,
מוז דאָך אין דער נידער זיין אַ מקווה־באָד !
נו, האָב איך למזל זוכה געווען,
און פּונקט וויזאַווי מיין פענסטער איז זי גראָד.

פון אַלע נעסטלעך אַ שושקעדיק געשאַרך,
פון יינגע פליגעלעך ווינקענדיק געפּאָך —
זיי שטופּן זיך מיט די פּוכיקע קעפּעלעך,
אַ קוק צו כאַפּן דורך מקווה־שליסל־לאָך.

פלאַטרן מיינע וויעס צעפּלאָשעטע,
וואָס דרויסן פאַרן פענסטער טוט זיך צו זען ;
אָט אַראָפּגעלאָזטע כאַפּן זיי אַ טראָפּ,
ווי זיי וואָלטן אַליין אַ פּאָר שוואַלבן געווען.

1

אין די זומער פאַרנאַכטן, נאָכן שיעור,
ווען טאַטע איז מיט מיר שפּאַצירן געגאַנגען,
איבער אונז אין הימל אַ פייגעלע שטייט שטיל,
גלייך ווי עס וואָלט צו שמונה־עשרה געשטאַנען.

דאָס פליגעלע געפּלאַטער, דאָס געשאָקל,
און דער זיס־זיפּצנדיקער טשוויטשער געפּליסטער !
אַ פאַרזינדיקטער מלאך פאַלט פון הימל,
בלויז האַרץ זיינס אין תפילה פאַר גאָט נאָך צעגיסט ער.

„זעסט דו", בלייבט טאַטע שטיין אַ צעשטראַלטער,
ווייזט מיט זיין פינגער מיר אַהין דאָרטן אויבן :
„אַזאַ הימל, אַזאַ תכלתדיקער בלוי,
וועקט צו לויטערן אהבתדיקן גלויבן.



„און דער ציטערדיקער שמיצער געטשוויטשער,
אַז אַ האַרץ צו גאָט קאָן זיך אַזוי דערהויבן — — — —"
דערמיט זיך מצרף צו זיין, האָט טאַטע,
מיט מסוקות צו דאַווענען אָנגעהויבן.

דערהערנדיק דאָס געזאַנג, טריפנדיק בלוי
אַזאַ האַרץ־צערייסנדיקן זיסן ניגון ;
פוןביידע זייטן סטשעשקע פולע זאַנגען,
די שווער־בוקנדיקע קעפּלעך זיך מיטוויגן.

איך שטיי און קוק, ס'פייגעלע שטייט נאָך שטילער,
און סאַמע דאָרט ווו פינגער אַהינגעוויזן,
ווו דאָס בלוי אָקאָרשט אזוי לויטער געווען,
האָט זיך אַ שיינענדיקער שטערן באַוויזן.

2

שוואַלב־געשוועב וועבט וויט־צעוויקלט די לייוונט,
שפּאַנט זי מיט שאַריען־און פאַר־שקיעה פליען,
און די פליגעלעך, ווי מיט פענזלקעלעך,
קונציק די דינינקסטע שטריכלעך זיי ציען.

דער פריידיקער טשוויטשער ווען עס געלינגט זיי,
אַ ליניע לאַנג אין אומענדלעכן געצויגן !
ווי פלינק און געשיקט מיט אַ קונציקן צוק,
ווען אין אַ ווינקל, געוואַגט, זי ווערט אויסגעבויגן.

מיט נאַקעטן אויג קיין שטריך נישט צו כאַפּן,
איינס אין צווייטן גיסן זיך די פאַרב־ניואַנסן ;
עס הענגט דער אַרום די געשפּאַנטע לייוונט,
אַ בילד אין רעם וואָס פאַרכשופט אונז אינגאַנצן.

דאָס דורכזעעוודיקע, דאָס לייכטנדיקע,
דאָס שפּילנדיקע פון די וואַסער־קאָלירן ?
אָדער די פענזלקעלעך יעדן שמיר־אייל,
גלאַטיק־גלאַנציק, זעפיר־פליגעלעך צעפירן ?

נישט אַ הויז — אַזאַ גרויסע שוואַלבן גניאַזדע,
זעט אויס ס'הויז, אָקאָרשט דרעפּון אַרויסגעגאַנגען !
שאַריען ? שקיעה ? עס האָט אויפן הימל,
אַלאַדין זיין וווּנדער־לאַמטער אויפגעהאָנגען.

אויף דעם אונטערגרונט, דעם אויסגעמאָלענעם,
אין מיין בלוט כ'שטיי צעפירט אין שלל פון פאַרבן ;

די שוואַלבן־פליגעלעך צוקנדיק איך שפיר,
טיף אין די שטריכן אין מיינע שטערן־קאַרבן.

3

ווען די מוטער־שוואַלב לאָזט זיך פון נעסט אַרויס,
קערנדלעך פאַר די שוועלבלעך צוזאַמצוקלייבן,
דאָס געפישטשע דעמלט פון די פיטשעדיקע,
וואָס האָבן מורא אליין איבערצובלייבן.

און די אויפטשוויטשערדיקע פרייד יעדע ווייל,
ווען צוריק אין נעסטל זי טוט זיך באַווייזן,
מיט קערנדל, מיט זשוקל צאַפּלדיקן,
יעדעס מאָל אַן אַנדער העלזל אָנצושפּייזן.

דער אַהער־און־אַהין, דער טרויער און פרייד,
איז דאָס דער ציטער געטשוויטשער אין די טרעלן;
בלויז פון ווו דער זונען־גלי, דאָס ליבע־שפּיל,
דאָס טרעל־געשנירל בשעת צילעווען קרעלן?

— אַז ווי ווייט קאָן שוין זיין ווו זון דאָרט זעצט זיך,
ווו זי פלאַמט גליאיק אויף, אַ קויל אין דערטליען,
אַז אַ שוואַלב־פּאָר אין זייער ליבע־געיעג,
מיט איין ציטער פלאַטער אַהין דאָרט דערפליען?

שפּעט האַלבע־נאַכט שוועבן די וואָלקנדלעך,
ווי אויף פּוכיק באַפליגלטע שוואַלבן־בייכלעך;
זיי וואָלטן שטיל געאָטעמט איבערן קאָפּ,
טוליעט אַ געפלאַשע אזוי ווייסלעך בלייכלעך.

שאַ, שטיל, קיין ציטער נישט, קיין פּאַך, קיין שאָרך —
קעפּעלעך צווישן פליגעלעך איינגעצויגן — —
פּוכיק־פּויל, ווייכלעך־פּול טוליען זיך בייכלעך —
עופעלעך איינגעוויגט און אָנגעזויגן.

4

ווי זיס עס שלאָפט זיך, נאָך זיסער עס טרוימט זיך,
ווייי ווען אינמיטן שוועלבלעך אויפגעוועקט ווערן,
דער אַרום טויט־שטיל, שטאָק־פינסטער,
און איבערן קאָפּ קיין איין ליכטיקער שטערן.

כאַפּט זיך מאַמע־שוואַלב פון נעסטל קודם אַרויס,
שוועבט אזוי נאָנט, קליינסטער פּיפּס זאָל זי דערגרייכן;
הויבט זיך אַלץ העכער, זי פלאַטערט אַלץ שטאַרקער,
צו דער טיפסטער בלויקייט אין די ווייטסטע הייכן —



עס שווישטשעט דאָס געשאַרפטע שווענצל־שערל,
געשניטן דערמיט וווּנדערלעכסטע ציקצאַקן;
די פליגעלעך אין אַלע זייטן זיך שפּיצן,
לעכלעך אין שפּיצל־געהעפט אויסצוהאַקן.

די אזשורן אַרום לבנה־שטיק־רעמל — —
איינגעפעדעמט פּיסקל באַזוימט יעדעס שטעכל!
געטאָקט, געצירקלט, פאַרצויבערט און פאַרטרוימט,
קוקט אַ שטערן אַרויס פון יעטווידן לעכל —

איבער הימל־בעט אין זייד־בלויען דעק
די גין־גאָלדענע שטערן אַריינצושטיקן,
פליט זי אַרויס אַלע פאַרנאַכט, מאַמע־שוואַלב,
כ׳קוק איר נאָך ביז זי פאַרשווינדט פון מיינע בליקן.

האַלבע־לבנה הינטן — צוגעקלעבט נעסטל,
זיבן הונגעריקע שוועלבלעך זיצן דרינען,
און די מאַמע אָקאָרשט אַרויסגעפלויגן,
פאַר די העלזעלעך עפּעס וואָס צוגעפינען.

5

נאָך זיינען הימלען פאַראַנען און שוואַלבן,
און מיין ליד איצט געלונגען נאָך אויפצושרייבן,
און ווען איך וועל שוין מער נישט זיין, אַלע דריי,
הימל און שוואַלבן און ליד מיינס וועלן בלייבן.

און אפשר נאָר באַשערט מיר, אויף סטעשקע גאָר,
שטיל צווישן וויגנדיקע תבואות צו טרעטן,
דערזען יענס לויטערע שטיקל תכלת־בלוי,
ווען טאַטע פאַר גאָט געשטאַנען און געבעטן.

ווי עס פלאַטערט, ווי עס ציטערט, ווי עס זינגט,
אַזאַ בלוי־טריפנדיקער הימלישער ניגון;
פוןביידע זייטן סטעשקע די פולע זאַנגען,
די שווער געבויגענע קעפּלעך זיך מיט־וויגן.

קוקן און קוקן, דערזען יענעם שטערן,
וואָס פון שטוויטשערדיקן פייגעלע געוואָרן — — —
הער איך נישט נאָך האַלבע נאַכט דאָס געפּאַרע,
ווען מיט זייערע פליגעלעך די שוואַלבן־פּאָרן,

שטילינק צוקן אויף גליאיק אַזוי און הייס,
אין טויזנט און איין קאָליר הימל צו פאַרבן?

דאָס ביסעלע בלוי מיין טאַטנס ס׳איז פאַראַן,
אפילו ווען נישט דערזען׳ס מער פאַרן שטאַרבן — — —

נאָך זיינען הימלען פאַראַנען און שוואַלבן,
און מיין ליד איצט געלונגען נאָך אויפצושרייבן,
און ווען איך וועל שוין מער נישט זיין, אַלע דריי,
הימל און שוואַלבן און ליד מיינס וועלן בלייבן.

*　　*　　*

וויאזוי אַזאַ נעסטל ווערט אויפגעבויט,
פון אַ שטרויעלע, פון אַ שטויבעלע שטויב,
פון אַ פעדערל, אַ פלאַטערדיקס אין ווינט,
טאַקע נאָר אין גאָטס ווונדער גלויב.

און אַ טוץ אייערלעך זי לייגט דערין,
אויסגעבריט די עופעלעך זי באַהיט,
קאָרמעט זיי מיט ברייזעלע־שפייזעלע,
צוזינגענדיק דאַביי אַ ברעקעלע ליד.

און ערשט ווען אַ שלונג־וואַסער מיט גרויס מי,
די מאַמע־שוואַלב אין נעסטל אַרויפברענגט !
איינטיילנדיק פון פיסקל צו פיסקל,
און ווי מיט פליגעלע־געשוועב איבער זיי זי הענגט.

דערשראָקן שטעקן קעפעלעך זיך קוים,
צווישן די קראָקוועס אונטערן דאַך,
און איין קליינינקס, אַ קאַרפונטשיקל,
פיפסט, פון היץ פאַרמאַטערט, קראַנק און שוואַך —

יאָ, עס דערקענט מיט וואָס מאַמע שוואַלב קומט אָן,
מיט אַ קערנדל אָדער אַ וואַסערשלוק,
אין שאַרפן קוויטש און כאָרכלדיקן טרעל — — —
טאַקע נאָר גאָטס ווונדער, שטיי איך און קוק.

## ליד

1

ווען אין דעם וואס ער טוט, ער גלייבט,
עס מוז דער פאעט זיין באַרייט
ווערן געדולדיק ווי דאס פאפיר,
אויף וועלכן זיינע לידער ער שרייבט.
אבער צו אלץ איז דאך דא א שיעור !

אויסגעשריבן ס׳ווערט דער גרעסטער בליי,



און קיין ענד צו קלענסטן וויי ?
די אייביקייט פון פאעטס געזאנג,
ווי גרויס אים אויסגעטראגן, און ווי לאנג
איינגעהאלטן אין זיך דעם וויי־געשריי — —

פארשוויגן געווייַן געווארן ווארט,
פון לעצטן טראפן בלוט עס אפגעשפארט,
אין א טיפן ברונעם אונטערן שטיין
קוואלט עס געטובלט און ריין געקלארט.
עס ארויסשעפנדיק פון זיך — אליין
מ׳מוז אראפקוילערן דעם שווערן שטיין !
און אז קיינער קומט נישט מער צוגיין,
בעטן פונם פרישן געטראנק א טראפ,
פאלט דאס זינקנדיקע הארץ דעמלט איין —
פולער קרוג וואס רייסט זיך פון שטריק אראפ.

ליד פון קיינעם נשט איבערגעליי׳נט,
ווארט פארשוויגנס, נישט דערוויינט. —
שטיין־בויערנדיק טרויערנדיק געטריף,
טראפ נאך טראפ פון הארצן טיף, —
עס איז ווי א לעצט געשריבענער בריוו
פון דער געליבטער נישט אויפגעמאכט.
א, צו ווערן אזוי אויסגעלאכט !
ווידוי־ווארט פון וועם קוים דערהערט ;
די שוואכע אויגן ווערן פארמאכט
און אזוי ליב ווערט דעמאלט די ערד.

2

וואלט איך געווען א פראנצויז,
א סיפיליטיש־צעפרעסענער גוי —
געטע דער דייטש און שעקספיר דער גאון,
זיי גייען מיך שויןביידע לאנג נישט אן !...
זיכער זיך געפונען א הייליקע פרוי,
אריינגעמענדיק מיך צו זיך אין הויז,
מיך שטיל געקארמעט מיט איר לייב —
מיר גאנץ צו זיין, ווי קראנק כ׳בין שוין און גרוי !
יעדן מנוול זיך פארקויפט פאר א ווייב
ביז איך וואלט שטיל אויסגעגאנגען אזוי.

וואלט איך א רוס געווען,
מיך צוגעשארט קיינער זאל נישט זען,

צום פושקין מאנומענט,
אין די קעשענעס פארשטעקט די הענט,
געהאלטן כ׳וואלט דעם פיסטויל
און באפרייט מיך פון שאנד און פון עול —
אין הארצן אַריין דער געצילטער שאָס,
עס וואלט געווען פון מיין לעצט ליד
דאס לעצטע אות — — —
בין איך דאך אבער א ייד —

גאט, אויב ביסט רחום־וחנון, דו,
גיב מיר כח זיך צו פארקריכן ערגעץ־וואו
אין א געסל פינסטער און פרעמד,
אין א לעצט־פארלויזטן העמד,
שטיל אויף מיינע אויסגעטרעטענע שיך,
אז קיינער זאל נישט דערקענען מיך;
און מיט צוויי שאכטלעך שוועבעלעך שטיין
אנביטן יעדן פרעמדן וואס אדורכגיין;
מיך דערנערן אזוי, ביז פאלן כ׳וועל טויט,
בארגראבן צו ווערן ערגעץ הינטער א פלויט.

מייל־ענד־שפיטאָל מאי 1957

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער רעדאַקטאָר פון דער טאָג צייטונג „אונדזער וואָרט" וואָס דערשיינט אין פאַריז, יוסף מגן און זיין פרוי וועלכער האָט זיינע וואקאַציעס פארבראכט אין ענגלאנד איז אין לאנדאן אויפגענומען געוואָרן פונם אידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין.

יוסף מגן האָט געהאַלטן אַן אויספירלעכן און וויכטיקן רעפעראַט: „די מערכה פון יידיש אין אייראָפע". דער רעפעראט האָט ארויסגערופן אַ הייסע דעבאַטע. דער פארזיץ איז געפירט געוואָרן פון א. מ. קייזער.

• • •

ישראל זיגלבוים פון דרום אַפריקע און זיין פרוי, וועלכע זענען דורכגעפאָרן לאנ־דאן אויף זייער רייזע קיין אמעריקע זענען אויפגענומען געוואָרן אויף אַ מסיבה ביי בן א. און פרוי סאַכאַטשעווסקי.

• • •

אהרן שמואל שטערמאַן מעט זיין פרוי פון אמעריקע, ווילן איצט אין לאנדאן אויף זייער דורכרייזע קיין ישראל.

• • •

דאס בוך 2, „געזאמלטע שריפטן" פון דעם דיכטער יוסף הלל לעווי, איז שוין פאַרענדיקט אין דרוק און וועט דערשיינען אין די קומענדיקע וואָכן. דאָס בוך אינהאלט אייניקע און פערציק עסייען איבער אידישע דיכטער און זייערע שאפונגען, און אויך זער ווערטפולע אָפהאנדלונגען איבער אידישע קולטור־פירער און זייער ראָל אינם סאָצ־יאלן און געזעלשאפטלעכן לעבן.

---

## די יידיש-ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער)

שבת, דעם 10־טן אוגוסט געווידמעט די שלושים פון שלום אַש ז״ל.

שבת, דעם 17־טן געווידמעט צו די שלושים פון דר. שמעון ראַווידאָוויטש ז״ל.

שבת, דעם 24־טן וועט אהרן שמואל שטערמאן האלטן אַ רעפעראט.

## ביי אונדז און ביי זיי

אין לאָנדאָן זיינען פאראן 40 טעאטער. דאכט זיך וואָס איז דאָס פאר אַזאַ גרויסע טראגעדיע, ווען עס וואָלט געווען „ארבעים חסר אחת?" שטעלט זיך אָבער ארויס, אז די טראגעדיע, איז אָט אפנים אַ טראגעדיע פון טראגעדיע לאנד, וואָרים וואָלט דאָס ניט אזוי געווען, וואָלט די גרויסע ענגלישע אַקטריסע וויוויען לי, ניט געגאנגען אין „הויז פון לאָרדס" און אראָפּ גערעדט פון דער גאליאָרקע צו די לאָרדס, כדי צו פראָטעסטירן, פארוואָס מען וויל דעם טעאטער איינוואָרפן און הגם זי האָט פארשוועכט די טראדיציע פון „הויז פון לאָרדס" מיט איר „ספיטש", פונדעסטוועגן איז די גאנצע פרעסע געשטאנען אויף איר זייט און ביי דער דעמאָנסטרעציע אויף „טראַפאלגער סקווער", וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם אקטיאָר סער לאָרענץ אָליוויער, האָבן זיך באטייליגט אַ חוץ הונדערטער ענגלישע אקטיאָרן אַ גרויסע מאסע מענטשן פון אלע געזעלשאפטס־קרייזן. דער פועל יוצא איז, אז דערווייל רעכנט זיך די קאָמפאני, וועלכע האָט דעם טעאטער געקויפט, כדי אויף דעם פלאץ צו בויען אַ וואָלקענ־קראצער, מיט דעת הקהל און דערווייל בלייבט דער טעאטער שטייען.

און ביי אונדז האָט אַ „קאָמפאני", וועלכע זאָרגט פאר טויטע און לעבעדיקע, אַז אַלץ זאָל זיין כדת וכדין, משיג גבול געווען יידישע מענטשן, אָפּגעקויפט דאָס „אדלער הויז" צושטערט אַ גוטן יידישן טעאטער, צו גענומען דאָס ברויט ביי דרייסיק יידישע משפחות און קיין קול פון פראָטעסט האָט זיך ניט אויף געהויבן. עך, שווער צו זיין אַ ייד! א. מייזעלס

---

מיר ווינטשן אַ פאָרגעזונט און אַ געזונטן צוריקקומען אונזערע פריינט **אברהם** און **חנה הינדע שפיגלמאַן** צו זייער נסיעה קיין אַמעריקע צו באַזוכן זייערע קינדער.

„פריינט פון יידיש לשון"

---

צו דער בר־מצוה פון זייער זון **משה זלמן** ווינטש איך פריינט **שלום** און פרוי **יאקובאוויטש** פיל נחת.

**א. נ. שטענצל**

---

## פריינט פון יידיש לשון

אין אַדלער־האָל, דינסטיק, דעם 17־טן סעפטעמבער, 7.30

ביי געדעקטע טישן:

**פאלקס-מעלאדיע און סקארבאוער-ניגון.**

---

## רעדאקציע נאטיץ

די דערציילונג פון מ. בעקערמאַן קומט אַריין אין קומענדיקן ראש־השנה־נומער. מיר בעטן אויך אַלע אונזערע פריינט באַציטנס צוצושיקן די ראש־השנה־ווונטשן.

---

אונזער טיפן מיטלייד צו פרוי **מרים לעווי** צום נפטר ווערן פון איר פאָטער, **אהרן טענענבוים** ז״ל.

„פריינט פון יידיש לשון

ארבעטער רינג
הזכרה פארזאמלונג
פראפ. דר. שמעון ראווידאוויטש, ז״ל
וועט פארקומען מאנטיק 19־טן אויגוסט 1957 אום 5.30 אוונט אין דער
School of Oriental & African Studies,
University of London, Malet Street, W.C.1.
דער טשיף רבי און זיין עקסעלענץ דער ישראלי אמבאסאדאר
וועלן זיך באטייליקן.
רעוו. חזן ג. בועז וועט מאכן די הזכרה.
פארזיצער: אלעקסאנדער מרגליות

מיר באטייליקן זיך אין דעם טרויער איבער דעם פלוצלינגען טויט פון דעם גרויסן תלמיד חכם און ווישנשאפטלער דר. שמעון ראווידאוויטש
אונזער טיפן מיטלייד מיט דער אלמנה און זון פונם גרויסן נפטר.
„לשון און לעבן״ און „פריינט פון יידיש לשון״

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אר־בעט.

לייענט, פארשפרייט און אנאנסירט אין
„די אידישע שטימע״
די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראך אין דעם לאנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**
*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*
IMPORT - - EXPORT
518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 312) אכצנטער יארגאנג סעפטעמבער 1957 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:

„תחל שנה וברכותיה״, לשון און לעבן יובל,
חבר נתן ע״ה ........ ** 1
יזכור (פאעמע) ........ י. א. לערנער 5
מנחם מענדל פון תל־אביב צו זיין פריינט
סעם דייוויס אין לאנדאן ........ א. מייזעלס 6
מיין תפילה (ליד) ........ עלי זילבערג 11
„אשא עיני אל ההרים״ (סקולפטור) ........ בענא שאץ 11
יידיש פילאזאפיע און טראדיציע ........ י. ריכטיקער 12
דאס שולכל, צו גאט, כתר (לידער און צייט־לידער) ........ א. נ. שטענצל 15
ימים־נוראים אין „אמאליקן״ ווייטשעפל... ........ ש. י. הארענדארף 21
אר־ווײ, טאוער בריטש (לידער) ........ שמואל ווהייט 24
לאנדאנס גרעסטער בארג ........ משה דאמב 25
מיין טאטן צום אנדענק (ליד) ........ ש. זאלקין 30
די געפאר פון שפילן שאך אין א היים זומער־טאג ........ מ. בעקערמאן 31
זינגסטו א ליד (פאעמא) ........ אליהו פאלושאק 33
א גאסט אויף א וויל... (רעפארטאזש) ........ מנשה ווייסגראז 35
קונסט און געזאנג אין שייכות מיט די ימים־נוראים ........ י. ביעטש 43
בלויז די מאמעס (ליד) ........ ש. קילשטיין 45
נאטיצן פון א לייענער ........ מ. אלמאן 46
ברוך הבא ........ רחל דאניאך 47
לאנדאנער קולטור ידיעות ........ 48
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס ........ 48

פרייז 2 שילינג
אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר